**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת נצבים וילך יז לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת נצבים-וילך, י״ז אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פרייליכע לוסטיגע אידישע קינדער, מיר האלטן שוין צוויי וואכן פאר ראש השנה. וואס איז אונזער תפקיד אין די דאזיגע צוויי וואכן? מיר האבן דאך גערעדט נעכטן ביי שלש סעודות, פרשת כי תבוא תשפ״ו, געוואלדיגע יסודות.

## די ריכטיגע צורה פון א איד אין אלול: ערנסטקייט מיט שמחה

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ׳דארף זען אויף יעדן איד אן אלול-דיגקייט און א ראש השנה-דיגקייט. מ׳דארף עס זען אויף יעדע מחשבה, דיבור ומעשה, אויף יעדע תנועה קלה שבקלות; סיי אויף א גרויסע און סיי אויף א קליינע תנועת דארף מען זען אויפן מענטש אז עס זענען איצט די ימי הרחמים והרצון.

**וויאזוי דארף מען אויסקוקן? וואס איז די ריכטיגע צורה? די צורה איז אזוי ווי א מחותן אונטער א חופה. א מחותן אונטער א חופה פארמאגט סיי אן ערנסטקייט און סיי א פרייליכקייט. מיר דארפן האבן א געוואלדיגע ערנסטקייט, בחינת ״וגילו ברעדה״, אבער אין די זעלבע צייט א געוואלדיגע שמחה** פון ״זמירות, שירות ותשבחות״ אויף דעם וואס מיר זענען אידן, וואס מיר קענען זוכה זיין צו תשובה, און מיר קענען זיך אויסבעטן א גוט יאר מיט א כתיבה וחתימה טובה. אבער מיט אן ערנסטקייט, ווייל עס קומט א יום הדין. אן ערנסטקייט, ווייל מ׳דארף ממליך זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה, און אויסשרייען אז עס איז נישטא גארנישט אנדערש אויף דער וועלט נאר דער הייליגער באשעפער, ״ומלכותו בכל משלה״, ״אמת מלכנו אפס זולתו״.

מ׳דארף זיך אויסבעטן א גוט יאר, א לעכטיג יאר, א פרייליך יאר, לאריכות ימים ושנים טובות. מ׳דארף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און לעבן מיט א פנים מאירות, מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה. מיט א געוואלדיגע פרייליכקייט, אבער מ׳דארף זען אן ערנסטקייט, אן אלול-דיגקייט, א סליחות-דיגקייט, א ראש השנה און יום כיפור-דיגקייט, א תשרי-דיגקייט. מיר דארפן האבן די צורה וויאזוי א איד דארף אויסקוקן אין די דאזיגע טעג: א פרייליכע, לעכטיגע ערנסטקייט; נישט קיין באזארגטקייט און נישט קיין פחדים, נאר אן ערנסטקייט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## די מעשה פונעם הייליגן קאלובער אלס פאסטוך

עס איז דא א מעשה מיט ר׳ אייזיקל קאלובער. דער הייליגער ר׳ משה לייב סאסובער פלעגט ארומפארן אין די שטעטלעך און דערפלעך פון אונגארן. איינמאל איז ער אנגעקומען צו א פלאץ וואו עס האבן געפאשעט קאטשקעס, און איבער די קאטשקעס איז געווען א צען-יעריג אידיש יונגל וואס איז געווען זייער פאסטעך און האט געהיט אויף זיי.

דער הייליגער ר׳ משה לייב באטראכט אזוי דעם יונגל, און פלוצלינג זעט ער ווי דאס יונגל הייבט אן ארויפקוקן צום הימל, ער הייבט אויף זיינע הענט, ״שאו מרום עיניכם״, ״שאו ידיכם קודש״, און ער הייבט אן זאגן ווערטער פאר׳ן הייליגן באשעפער.

דער הייליגער ר׳ משה לייב סאסובער, מיט א געוואלדיגע התפעלות און התרגשות דקדושה, הערט זיך צו ווי דער פאסטעך, דאס צען-יעריגע יונגל, זאגט: ״רבונו של עולם, איך האב דיך אזוי ליב, איך דאנק דיך אויף אלעם. איך דאנק דיך אויף די זון וואס שיינט יעצט, אויף דעם געשמאקן ווינט וואס בלאזט. איך דאנק דיך אויף מיין לעבן וואס דו האסט מיר באשאנקען, אויף מיין געזונט וואס דו האסט מיר געגעבן מיט באגנאדיגונג. איך דאנק דיך אויף מיינע אויגן צו זען, אויף מיין מויל צו רעדן, צו עסן, צו אטעמען, און אויף מיינע אויערן צו הערן.״ אזוי דאנקט ער דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע איברים וואס דער הייליגער באשעפער האט אים געגעבן אלס א מתנה גמורה.

דערנאך, ווען ער איז שוין געווען שטארק נתרגש, זאגט ער: ״רבונו של עולם, וואס קען איך דיר באצאלן פאר די אלע חסדים וואס דו טוסט פאר מיר? וואס קען איך דיר באצאלן פאר די חסדים אז די שטאטס-לייט געבן מיר זייערע קאטשקעס צו פאשענען, און אזוי האב איך פרנסה פאר מיין מאמע די אלמנה? רבונו של עולם, ווען דו וואלסט געהאט קאטשקעס, וואלט איך געפאשעט דיינע קאטשקעס בחינם, איך וואלט נישט גענומען קיין געלט.״ אזוי האט געזאגט בתמימותו דער הייליגער רבי אייזיקל קאלובער ווען ער איז אלט געווען צען יאר, בשעת ער האט געפאשעט קאטשקעס צו ברענגען פרנסה פאר זיין אלמנה-מאמע.

און דערנאך זאגט ער ווייטער: ״ווייסטו וואס, רבונו של עולם, ווען איך וואלט געקענט דאווענען, וואלט איך גדאווענט. ווען איך וואלט געקענט לערנען דיין תורה, וואלט איך געלערנט דיין תורה א גאנצן טאג. אבער איך קען נישט לערנען, איך קען נישט דאווענען, איך ווייס גארנישט.״ אינמיטן גיט ער א זאג: ״אבער הייליגער באשעפער, איין זאך קען איך יא; איך קען איין זאך וואס זייער ווייניג קינדער אין דעם שטעטל קענען: איך קען זיך איבערדרייען מיטן קאפ אראפ און די פיס ארויף (אין אונזער שפראך רופט מען עס א ׳טאמבעלסאס׳). איך גיי עס יעצט טון פאר דיר, הייליגער באשעפער.״ ער לייגט זיך אראפ אויף דער ערד אויף זיינע הענט, הייבט אויף די פיס, און מאכט אויף א פאכמאנישן וועג א דריי ארום, נאכאמאל און נאכאמאל, מיט א געוואלדיגע שמחה און התרגשות פאר׳ן הייליגן באשעפער. דאס קען ער, און דאס טוט ער פאר׳ן אייבערשטן.

ווען ער האט געענדיגט, איז דער הייליגער ר׳ משה לייב סאסובער צוגעגאנגען צו אים מיט א ווארימקייט. ער האט ארומגענומען דאס קינד, אים געגעבן א קיש, און געזאגט: ״טייער קינד, קום, איך וועל דיך אהיים באגלייטן.״

ער האט אים אהיים באגלייט צו זיין מאמען, און דארט האט ר׳ משה לייב געזאגט פאר דער אלמנה אז ער גייט איר אויסהאלטן א גאנץ יאר, ווייל ער וויל נעמען דעם טייערן קינד און לערנען מיט אים תורה.

פון דעם טייערן קינד איז אויסגעוואקסן דער צדיק קדוש וטהור, דער רבן של ישראל, רבי אייזיקל קאלובער זכר צדיק וקדוש לברכה, זכותו יגן עלינו.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת נצבים וילך יז לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דער הייליגער רבי אייזיקל קאלובער האט געמונען די אלע ניגונים וואס ער האט געהערט פון די פאסטוכער, און דורך די ניגונים האט ער אריינגעברענגט אידישקייט, ווארימקייט און נאנטקייט צום הייליגן באשעפער.

מ׳דערציילט אז דער הייליגער סאטמארער רבי זכר צדיק וקדוש לברכה ווערט גברענגט אין זמירות ׳דברי יואל׳, אז די ווערטער פונעם ניגון ״גלות, גלות, ווי גרויס ביסטו; שכינה הקדושה, ווי ווייט ביסטו; ווען דער גלות וואלט קלענער געווען, וואלט די שכינה הקדושה נענטער געווען״ — די דאזיגע ווערטער האט ר׳ אייזיקל קאלובער ארויפגעלייגט אויף דעם ניגון. אבער דעם ניגון אליין האבן די לויים געזונגען אין בית המקדש ווען אידישע קינדער פלעגן קומען מקריב זיין קרבנות, און מיט דעם ניגון האבן זיי מקרב געווען אידישע קינדער צום אייבערשטן און זיי געברענגט צו תשובה שלימה.

## דינען דעם באשעפער מיט דיינע אייגענע כשרונות

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער, דער מוסר השכל פון דער מעשה איז: פרוביר נישט צו זיין יענער, און פרוביר נישט צו זיין א בעל מדרגה וואס דו ביסט נישט. דין דעם אייבערשטן מיט דעם וואס דו קענסט יא, מיט די מתנות וואס דו האסט באקומען פונעם אייבערשטן, מיט דיינע כשרונות, טאלאנטן און ידיעות. מיט אלעס וואס דו פארמאגסט, מיט דעם זאלסטו דינען דעם אייבערשטן. אזוי וואקסט מען אויס א ר׳ אייזיקל קאלובער.

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער! מיר נעמען זיך פאר אויף א נייע יאר קבלות טובות, אבער מיר ווילן מקבל זיין אויף זיך זאכן וואס וועלן האבן א קיום; אז אויב דער אייבערשטער וועט וועלן, זאלן מיר איבער א יאר אום די זעלבע צייט קענען צוריקקוקן און זאגן: ״ברוך ה׳, ברוך הוי׳ וברוך שמו, הודו לו ברכו שמו,״ מיר האבן מקיים געווען אלעס וואס מיר האבן מקבל געווען.

וואס זענען די קבלות טובות? דיינע כשרונות און דיינע טאלאנטן. א צען-יעריגער הייליגער פאסטוך קען פאשענען די קאטשקעס פונעם אייבערשטן — בבחינה — ער קען זיך איבערדרייען מיט׳ן קאפ אראפ און די פיס ארויף פאר׳ן אייבערשטן, און דערנאך קען מען זינגען ניגונים פאר׳ן באשעפער. מ׳קען נעמען ניגונים פון פשוט׳ע פאסטוכער און מאכן דערפון הייליגקייטן, צו מאכן דערפון בעלי מדרגות.

**איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? יעדער איד מיט זיינע טאלאנטן און כשרונות, מיט דיינע כוחות וואס דו האסט און דיינע אברים וגידים, מיט דעם דין דעם אייבערשטן. דער עיקר איז: טו פאר׳ן אייבערשטן, געב זיך אוועק פאר׳ן אייבערשטן.**

## קבלות טובות און די אמת׳ע סגולות פאר א גוט יאר

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר קענען אייך עפעס פארשלאגן. עס קומט א נייע יאר; לויף נישט אזוי פיל צו יעדן וואס זאגט אז ער האט רפואות, צו יעדן וואס האט נייע סגולות, אדער צו יעדן וואס מאכט נייע מיני זאכן פאר׳ן גוף, נפש און נשמה — פאר די נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה.

**מאך א קבלה טובה: זיי זיך מוסר נפש פאר׳ן אייבערשטן, לעב אין די תורה, דאווענען, תהלים, שיר השירים, מזמור לתודה, אדון עולם, מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר, מצוות ומעשים טובים. האב א פנים מאירות, זאלסט שיינען און לייכטן יעדע סעקונדע פונעם טאג. זאלסט קיינמאל נישט ווערן בעצבות אדער טרויעריג. זאלסט לעבן מיט אמונה און מיט שלום; נישט זיין ברוגז אדער בייז אויף קיינעם, און נישט ווערן ברוגז פון קיינעם. ווער נישט פארווייטאגט פון קיינעם, און קיינער זאל דיך נישט ברענגען צו רגזנות. האב בטחון און זיי פארזיכערט אינעם אייבערשטן. האב שמחה, זיי שטענדיג פרייליך און מאך אנדערע פרייליך. דו דארפסט גארנישט עפעס אנדערש; דאס איז די גרעסטע רפואה פאר די ביינער, פאר די ציינער, פאר׳ן קאפ און פאר די פיס, פאר די אינערליכע אברים און פאר די דרויסנדיגע אברים. די גרעסטע ישועה וואס דו קענסט האבן איז אפצולאזן די אלע חכמות חיצוניות, אויפצוהערן לויפן צו יעדע אויסגעטראכטע זאך.**

איך בין מיך מדבק אינעם אייבערשטן מיט אמונה פשוטה; איך בין מוכן ומזומן אוועקצוגעבן מיין גאנצע ״אני״ פאר׳ן אייבערשטער, פאר די תורה און פאר אידישע קינדער. **נישט האבן קיין קפידות, נישט רעדן לשון הרע, סובל זיין, מוחל זיין און ליב האבן יעדן איד, זיך אוועקגעבן פאר אידישע קינדער, פאר די תורה און פאר׳ן הייליגן בורא.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז די גרעסטע און די שענסטע קבלה טובה. אלע סגולות התורה און אלע סגולות פון די וועלט ליגן אין דעם. דאס ברענגט כל מיני ישועות, און דאס קענסטו טון, דו ביסט ביכולת. יעדער לויט זיין מדרגה האט אין דעם טאלאנטן און כשרונות. לאמיר מאכן א קבלה טובה.

און אויב דו ווילסט נאך עפעס צולייגן, זאלסטו משפיע זיין פנים מאירות ״אשב״ש״ ביי נאך אידן און זיי מזכה זיין. עס איז נישטא קיין גרעסערע סגולה ווי דעם פאר זיווגים, פאר זרע של קיימא, פאר קינדער וואס זאלן תשובה טון און זיך האלטן ערליך, פאר הייזער, פרנסה, געזונט, און אלעס וואס א איד דארף — פאר פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע יארן.

אלע סגולות ליגן אין מקיים זיין, שפרייטן און גלייבן אין די יסודות פון ״פנים יפות אשב״ש״: אמונה, שלום, בטחון און שמחה, צוגעלייגט צו דעם ״אני שמח בחלקי שלי״.

## די כוח פון איבערגעגבנקייט פאר א צווייטן איד

אזוי ווי עס פארציילט א איד: עס איז געווען א אידישע מאמע וואס האט געהאט א קליין קינד וואס האט געדארפט דורכגיין געוויסע בדיקות. פאר מ׳גייט אדורך די בדיקות, דארף מען יענעם טאג פאסטן

שוין פון אינמיטן די נאכט, וואס אפילו פאר גרויסע מענטשן קען עס אמאל זיין שווער, כל שכן פאר קינדער. נו, מ'האט פארשפילט דאס קינד און אים אפגעהאלטן פון עסן און טרינקען.

עס איז שוין געווען נאך חצות היום ווען מ'איז אנגעקומען דארט וואו מ'דארף מאכן די בדיקות זיך איינצושרייבן. די סעקרעטארן זאגן אבער אז זיי זעען נישט אז דאס קינד דארף היינט זיין דא פאר בדיקות. די מאמע האט אנגעהויבן זאגן: "וואס הייסט? איך האב עס באשטימט, מ'האט מיך גערופן, איך האב גערופן און אלעס קלאר געמאכט." זי האט פרובירט מסביר צו זיין אז דאס קינד פאסט שוין זייט צוועלף אזייגער ביינאכט, מען קען דאס נישט נאכאמאל איבערמאכן, די מאמע איז נישט געגאנגען ארבעטן היינט און זי האט געמוזט איבערלאזן די אנדערע קינדער ביי מענטשן זיי צו היטן. עס זענען געווען אזויפיל הכנות און א גאנצע שינוי הסדר כדי צו קענען מאכן די בדיקות פאר'ן קינד יעצט, מ'קען דאס נישט אפשטופן.

אבער די סעקרעטארן זענען נישט געווען אינטערעסירט צו הערן. "איך זע גארנישט אויפ'ן קאמפיוטער, עס איז גארנישט פארשריבן, דו האלטסט אויף א שורה פון מענטשן," האבן זיי געזאגט, און די מאמע האט זיך געוויינט און געבעטן.

פלוצים איז די סעקרעטארן אריינגעפאלן אין א בייזקייט און אין אן אויפרעגעניש. מ'דארף דאך ממליץ טוב זיין און מלמד זכות זיין, מסתמא איז עס געווען אן איבערגעשטרענגטער שווערער טאג, אבער זי האט אנגעהויבן שרייען און מבזה זיין די מאמע פאר'ן אויפהאלטן די שורות. "עס וועט ממילא נישט געשען, דו גייסט היינט נישט באקומען קיין בדיקות דא!" זי האט איר אנגעשריגן ברבים, דערנידערט און מבזה געווען, און אפילו געסטראשעט אז זי גייט רופן די סעקיוריטי זאלן איר ארויסטראגן פון דארט. דאס איז דאך א שרעקליכע בושה וביזיון, כאילו זי וואלט געווען די גרעסטע פארברעכער, בשעת זי איז סך הכל באזארגט פאר איר קינד וואס פייניגט זיך פון נישט עסן און דארף א רפואה. זי איז דאך נישט געקומען פארליידיג גיין, זי איז דא פאר א וויכטיגן צוועק — דער הייליגער באשעפער זאל יעדן היטן.

נו, די מאמע איז אוועקגעגאנגען מיט רויטע אויגן און טרערן אויף די באקן, נישט וויסנדיג וואס צו טון. אן עלטערע פרוי איז צוגעגאנגען צו איר און געזאגט אז זי האט די פריוואטע נומער פון די הויפט פירער פון דעם פלאץ, "לאמיר איר אנרופן און זען וואס מ'קען טון." די עלטערע פרוי האט מסביר געווען פאר די פירערס וואסערע בזיונות און עגמת נפש די פרוי איז יעצט דורכגעגאנגען. דער בעל הבית האט עס אנגענומען ווארעם, און מ'האט תיכף אריינגענומען דאס קינד פאר די בדיקות.

אויפ'ן וועג אריין האט זיך די מאמע באדאנקט פאר די עלטערע פרוי. **האט די עלטערע פרוי געזאגט אז זי האט א בקשה: זי האלט שוין צוואנציג יאר נאך די חתונה און האט נאכנישט קיין קינדער; זי בעט אז די מאמע זאל איר אנוואונטשן און איר איבערגעבן די "מתנה" פון די בזיונות וואס זי האט יעצט געהאט. די מאמע האט איר טאקע מזכה געווען מיט דעם זכות און איר שיין אנגעוואונטשן. ביז א יאר האט די פרוי זוכה געווען, צוואנציג יאר נאך די חתונה, צו א צווילינג א צווייערל.**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זעט נאר וויאזוי א פרוי האט גענוצט די געלעגנהייט זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד.**

א מענטש קומט אמאל צו א מחשבה: "אויב איך קען דאווענען, לאמיך דאווענען פאר מיר, פאר מיינע קינדער, פאר מיין מאן, פאר מיין פרנסה, פאר מיינע עלטערן, און פאר מיינע ברידער און שוועסטער." דא אבער שטייט א פרוי און בעט: "געב מיר דעם זכות, דאוון פאר מיר, וואונטש מיר." דא זעט מען וואס דאס באדייט "עמך ישראל קדושים הם"; דא זעט מען אז א איד קען שטענדיג טרעפן וויאזוי צו דינען דעם אייבערשטן מיט די טאלאנטן, כשרונות און מצבים וואו ער שטייט.

## כיבוד אב ואם און אהבת ישראל: די גרעסטע ישועה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מיר זענען מכבד און מקרב אנדערע, ווען מיר הייבן מיר אויף אנדערע אידן, ווערן מיר אליין נישט צוקלאפט פון אנדערע. ווען מיר זענען מקיים כיבוד אב ואם בהידור, מ'גייט צו די עלטערן, מ'רופט די עלטערן – נישט קיין חילוק צי עס איז גרינג אדער שווער – מ'געבט זיך אוועק פאר די הייליגע, גרויסע מצוה וואס דער אייבערשטער האט מבטיח געווען דערויף "למען ייטב לך והארכת ימים".

**עס קומען די הייליגע טעג, און וואס בעטן מיר? אז אלעס זאל זיין גוט און מיר זאלן האבן אריכות ימים. אט האסטו עס דאך אונטער דיין האנט! מיר ווילן שטיין ביי "ונתנה תוקף" און זאגן פארן אייבערשטן: "איך האב כיבוד אב ואם אין מיין האנט; איך האב אזויפיל פון מיינע טאלאנטן און כשרונות אוועקגעגעבן פאר אידישע קינדער, פאר די תורה, און פארן הייליגן באשעפער." דורך דעם וואס איך האב ליב אידן, איך בין יעדן מוחל, איך בין יעדן סובל, איך בין אויף קיינעם נישט ברוגז און מיט קיינעם נישט צוקריגט, לעבט מען גוט מיט די קינדער פונעם אייבערשטן. מ'היט די תורה אן קיין קולות, אן קיין נייע וועגן, און אן קיין חכמות חיצוניות – א תמימות'דיגע תורה. מ'איז דבוק אינעם אייבערשטן און מ'מבטל זיין רצון פארן רצון השם.**

הייליגע לעכטיגע קינדער, דאס איז די גרעסטע סגולה פארן מאגן, פארן קאפ, פאר די אינערליכע איברים און פאר די דרויסנדיגע איברים. עס האט אין זיך אלע סגולות, אלע רפואות און אלע ישועות – פאר בלבול המוח און פאר דעם גאנצן צער, די עינויים און די עגמת נפש וואס אידישע קינדער גייען אדורך. דא ליגט פרנסה און געזונט; דא ליגט אלעס: אהבה, אחוה, שלום ורעות. עס לוינט זיך! לאמיר זיך אריינלייגן אין דעם מיט אסאך מחשבה און מיט מעשה בפועל ממש. דאס וועט ברענגען בעזרת השם אז אלעס וואס אידישע קינדער דאווענען און נעמען אויף זיך, זאל דער הייליגער באשעפער אננעמען ברחמים וברצון, און אונז אלע פארשרייבן א גוטע כתיבה וחתימה טובה, פועל'ן אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל**

**845-414-8211**

## ברכות און דער יסוד אז "אלעס איז גוט"

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת נצבים-וילך, ח"י אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן און לעכטיגן געבענטשטן טאג, און א פרייליכן און לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער. דער הייליגער באשעפער זאל **העלפן א גוטע כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידן, פאר כלל ישראל בכלליות און פאר יעדן איד בפרטיות**. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין אך טוב וחסד פאר אלע אידן, עס זאל זיין גוט און גוט און גוט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר גייען יעצט געבן דעם שיעור אז עס איז גוט. יעדע "גוט מארגן" שיעור, יעדע לעכטיגע "גוט מארגן אשב"ש" שיעור דארף ארויסברענגען דעם סך הכל וואס דארף ארויסקומען דערפון אויף אלע מיני אופנים, **אבער עס דארף ארויסקומען דערפון אז עס איז גוט. עס איז געווען גוט, עס איז גוט, און עס וועט זיין גוט**. די תכלית החיים איז צו זען גוט; ווען א מענטש טראכט גוט, רעדט גוט, זעט גוט און טוט גוט. מען לעבט אין "טוב", דאס גיט אונז א שטיק חיות, דאס גיט אונז א שטיק געזונט, עס נעמט אוועק קאפ-ווייטאגן און בויך-ווייטאגן, עס נעמט אוועק אלע מיני יסורים און אלע מיני ווייטאגן. אלע שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אדורך קומען נאר ווען ער געפינט זיך אין א מצב פון "לא טוב", חלילה וחלילה.

דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א גוטע וועלט. דער אייבערשטער איז גוט, די תורה איז גוט, אידישקייט איז גוט, צו זיין א איד איז גוט, און אלעס ארום זיך טוט זיך נאר גוט. מען דארף עס נאר זאגן, זוכן, אנערקענען און טרעפן, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

## מודעה וועגן די שיעורים אויף קומענדיגן יאר

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויב מען וויל מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין קומענדיגע יאר תשפ"ז מיט די "קינדער גוטן טאג" שיעורים, מען זאל געבן מער שיעורים פאר בחורים, פאר מיידלעך, און אלע מיני שיעורים וואס דער עולם און אנשי שלומינו וואלטן געוואלט עס זאל זיין — סיי בקביעות און סיי בכלליות וואו עס פעלן שיעורים אויף געוויסע ענינים — ביטע לאזט איבער מודעות פאר די מערכת. נישט דא, נאר מען רופט אריין אין אפיס פון די מערכת און מען לאזט דארטן מודעות ביים סעקרעטאר, און מיר וועלן זיך פרובירן מיט אלע כוחות צוצושטעלן כדי מפרסם צו זיין כבוד שמים. אונזער תכלית החיים איז אריינצוברענגען אורה ושמחה, "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, כן תהיה לנו".

## די ברכה וואס ליגט באהאלטן אין די הסתרת פנים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ר' שמשון אסטראפאלער האט געלערנט אין זוהר הקדוש וואו עס שטייט אז אלע שווערע פסוקים פון פרשת כי תבוא, פון פרשת נצבים, און אלע שווערע פסוקים וואס ווערן געברענגט אין די תורה הקדושה אין פרשיות וילך און האזינו — אלע שווערע פסוקים זענען באהאלטן און זיי ברכות. ר' שמשון אסטראפאלער האט אסאך געארבעט דערויף צו טרעפן אין די אלע שווערע פסוקים וואס איז פול מיט ברכות.

ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק "ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא", וואו דער הייליגער באשעפער זאגט אז ער וועט באהאלטן זיין פנים פון די אידישע קינדער, האט ער געזוכט: וואס קען דא זיין א ברכה? ווען דער אייבערשטער באהאלט זיך, קען דען זיין א ברכה? וואסערע ברכה קען שוין זיין אויף דעם?

ביז ער האט ענדליך געטראפן א פסוק אין ישעיה. ישעיה הנביא אין פרק מ"ט פסוק י"ד זאגט: "ותאמר ציון עזבני ה'", ציון רעדט זיך אפ: "אוי, דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט, וה' שכחני", דער הייליגער באשעפער האט חלילה כביכול פון אונז פארגעסן. קען דען זיין אזא זאך? נאר נאכדעם שטייט: "הן על כפים חקותיך חומותיך נגדי תמיד". וואס זאגט דא ישעיה הנביא? דער הייליגער באשעפער זאגט פאר די אידישע קינדער: "איך האב פון אייך נישט פארגעסן. איך האב ירושלים געלייגט אויף מיין האנט." "הן על כפים" - דער הייליגער באשעפער האט עס אויסגעקריצט אויף די האנט. עס קומט אויס אז די פלאך פון די האנט איז שטענדיג קעגן דעם פנים פון א מענטש, און ממילא זאגט דער אייבערשטער אז ער האט קיינמאל נישט פארגעסן פון די אידישע קינדער.

דער הייליגער באשעפער זאגט: "ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא". דאס טייטש אז דער הייליגער באשעפער, כביכול — עס איז נאר איבערצוזאגן די ווערטער — וועט אויסדרייען דעם פנים. דער אייבערשטער גייט אוועקדרייען דעם פנים. אז וואס? אז ער גייט אונז נישט זען? אבער דאס איז בעצם א ברכה. וויבאלד דער הייליגער באשעפער האט אויסגעדרייט דעם פנים אויפן אנדערן וועג, האט זיך די רעכטע האנט אויך מיטגעדרייט אויפן אנדערן וועג, און דאס איז זייער א גרויסע טובה פאר אונז. ווייל דעמאלטס קומט אויס אז דער אייבערשטער שטייט קעגן ירושלים, קעגן די עיר הקודש, און ממילא וועט דער אייבערשטער דאס קיינמאל נישט פארגעסן. דער אייבערשטער פארגעסט קיינמאל נישט פון אונז.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייער אסאך מאל ווען מען דרייט זיך אויס, האט מען זיך טאקע אוועקגעדרייט, אבער מען האט זיך געדרייט אויף די ריכטיגע זייט. לאמיר זאגן א משל: למשל, איינער קומט קעגן דיר, און פון אונטער אים קומט א שונא, און דו ציטערסט פון יענעם. אבער דער וואס שטייט קעגן דיר זעט עס נישט. פארוואס זעט ער נישט? ווייל ער איז מיט דעם פנים צו דיר, און ער זעט נישט וואס עס טוט זיך רוקווערטס אונטער אים. אבער ווען ער גייט יעצט ברוגז ווערן אויף דיר און ער גייט זיך געבן א דריי אוועק פון דיר, אויסדרייענדיג זיין פנים אויף די פארקערטע זייט, גייסטו דעמאלטס פארלירן אדער פארדינען? די תשובה איז אז דו גייסט אסאך פארדינען, ווייל יעצט גייט ער זען דיינע שונאים און ער גייט זיך פאר דיר אננעמען. יעצט זעט ער אין וואסערע סכנה דו ביסט.

ממילא האט ער אפגעטייטשט אז דאס איז דער פשט וואס דער אייבערשטער זאגט "ואנכי הסתר אסתיר פני". דער אייבערשטער דרייט אוועק דעם פנים, און ער דרייט עס אזוי אז ער קוקט זיך אום אויף ירושלים, ער זעט דעם חורבן, ער דערמאנט זיך אין זיינע קינדער, און ער היט אונז אפ פון אונזערע שונאים.

## דער באשעפער איז דא אפילו מ'זעט אים נישט

מען פארציילט אז אמאל איז א יונגערמאן צוגעקומען צו ר' גדליה אייזנער און אים געזאגט: "טייערער משגיח, דו האסט דורכגעלעבט די צווייטע וועלט קריג. דו ביסט דורכגעגאנגען אזויפיל הסתר פנים, וויאזוי האסטו דאס אלעס געקענט באוויזן און דו דרייסט זיך נאך ארום אזוי בשמחה מיט אזא שמייכל?"

האט אים ר' גדליה אייזנער געענטפערט: "הער מיך אויס, מיין טייערער פריינט." ער נעמט א פלעשל, נעמט אראפ דעם דעקל פונעם פלעשל, לייגט עס אריין אין זיין האנט און מאכט צו די פינגערס. ער פרעגט אים: "וואו איז דער דעקל פון דעם פלעשל?" זאגט ער: "וואס הייסט? עס איז אין דיין האנט." פרעגט ער: "וואו?" ענטפערט ער: "עס איז דארט באהאלטן צווישן די פינגערס."

האט ער אים געפרעגט: "זאג נאר, אויב עס וועט יעצט אריינקומען א מענטש וואס איז נישט דא געווען פריער, און ער גייט זען דעם אפענעם פלעשל און זוכן דעם דעקל, גייט ער עס טרעפן?" זאגט ער: "ניין." "און אויב ער וועט עס זוכן און איינער וועט אים זאגן: 'עס ליגט אונטער די פינגערס פון דעם און דעם איד, ער האלט עס דארט באהאלטן', וועט ער ווייטער זוכן דעם דעקל אדער וועט ער אויפהערן זוכן?" די תשובה איז אז אזוי ווי ער ווייסט קלאר אז איינער דא אין צימער האלט דעם דעקל צווישן זיינע פינגערס, כאטש ער זעט עס נישט, ווייסט ער שוין וואו עס איז און ער גייט עס אוודאי נישט זוכן ווייטער, ווייל ער ווייסט אז עס געפינט זיך דא.

**האט רבי גדליה אייזנער געזאגט, אז ער האט א גאנצע צייט געוואוסט דעם סוד פון "אכן אתה קל מסתתר". ה' נצב עלי לשמרנו – איך ווייס וואו, ווער, וואס, און ווען; אלעס איז בידו של הקדוש ברוך הוא. ס'קען זיין אז ס'מאכן זיך צייטן ווען די האנט איז פארמאכט און מען זעט גארנישט, אבער וויבאלד איך האב געוואוסט מיט א ידיעה ברורה און מיט א קלארקייט אז "אכן אתה קל מסתתר", אז אין יעדע הסתרה געפינט זיך דער באשעפער, האב איך זיך מחזק געווען.** עס זעט טאקע אויס ווי דער אייבערשטער האט אוועקגעדרייט דאס פנים פון מיר, אבער ער האט געדרייט דאס פנים אויף יענע זייט וואו ער זעט מיין ישועה, וואו ער זעט מיינע שונאים, און וואו ער זעט וואס ער דארף מיר העלפן.

## בכל צרתם לו צר: דער אייבערשטער זיצט מיט אונז אין תפיסה

דער נביא ישעיה זאגט: "בכל צרתם לו צר ומלאך פניו הושיעם באהבתו ובחמלתו הוא גאלם". עס איז דאך באקאנט אז אויף די ווערטער "בכל צרתם לו צר" איז דא א קרי און א כתיב; דער "לא" מיט אן אל"ף מיינט "נישט", און דער "לו" מיט א וי"ו מיינט "אים". לכאורה איז דאס א סתירה.

נאר וואס דען? דער סלאנימער רב האט דערציילט אז אין בריסק, פאר בערך הונדערט זעכציג-זיבעציג יאר צוריק, זענען איין שבת צונאכטס די ערליכע אידן ארויסגעגאנגען מוחה זיין קעגן די וואס האבן מחלל שבת געווען רחמנא ליצלן. די פאליציי איז געווארן זייער אויפגערעגט און בייז: "וואס הייסט? מען מאכט א פראטעסט? מען מאכט א מחאה אן קיין רשות און אן א פערמיט? וואס איז דער פשט דערפון?"

די פאליציי איז אנגעקומען, יעדן צושפרייט, און דעם ראש הקהל האט מען געבונדן מיט קייטן און אריינגעזעצט אין תפיסה. ער איז געווען זייער צובראכן דארט אין תפיסה – שבת קודש, דאווענען, קידוש, די סעודה – ער איז געווען אין א גרויסן צער.

נאך צוויי שעה אין דעם גרויסן צער, איז פלוצלינג אנגעקומען אים באזוכן דער רב פון שטאט, דער מהרי"ל דיסקין זצ"ל (וואס איז שפעטער געווען רב אין ירושלים). דער ראש הקהל האט זיך געוואונדערט: "וואס זוכט דא דער רב?" מען האט אים אויך איינגעשפארט, ווייל די פאליציי האט פארשטאנען אז דער ראש הקהל טוט גארנישט אן דעם רב, און אז עס איז געווען א מחאה, מוז זיין אז דער רב האט דאס באשטעטיגט.

"אה!" האט זיך דער ראש הקהל אנגערופן, "רב לעבן, עס לוינט זיך צו זיצן אין תפיסה און האבן אזא שווערן שבת, נאר כדי צו קענען זיין אין איין צימער און פארברענגען די גאנצע צייט מיט אזא גרויסן צדיק, גאון וקדוש ווי דער מהרי"ל דיסקין!" און דער ראש הקהל איז געווארן איבערגליקליך.

**דאס איז דער פשט: "בכל צרתם לו צר" – עס איז טאקע זייער ענג, אבער אז מען ווייסט אז "לו צר", אז דער אייבערשטער איז דא מיט אונז אין דעם ווייטאג, דעמאלט ווערט עס "לא צר" מיט אן אל"ף – עס איז שוין מער נישט ענג. די ידיעה אליין אז דער הייליגער באשעפער געפינט זיך מיט אונז אין יעדע ענגשאפט, דאס נעמט אוועק די גאנצע ענגשאפט.**

## אויסמיידן גאוה און זיך גרייטן צו די ימים נוראים

הייליגע לעבעדיגע אידישע קינדער, עס איז שווער, עס זענען דא שווערע צייטן. אידישע קינדער גייען אדורך צייטן וואס מען זעט א געוואלדיגע הסתרת פנים רחמנא ליצלן. עס קוקט אויס ווי מיר זענען פארלוירן, און אלעס גייט פארקערט ווי עס דארף באמת זיין, חלילה וחלילה.

**הייליגע לעבעדיגע אידישע קינדער, אזוי ווי מיר לערנען יעדן צופרי דעם שיעור "א לעבעדיגן גוט מארגן אשב"ש", וואס איז באקאנט אלס דער שיעור "ס'איז גוט": "בכל צרתם לו צר" – "לו" מיט א וי"ו, ווייל דער אייבערשטער איז דא מיט אונז און ער מאכט דעם "צר", דעמאלט איז "לא צר" מיט אן אל"ף – עס איז שוין מער נישט ענג.**

הייליגע לעבעדיגע אידישע קינדער, מיר האבן נישט קיין ענגשאפט, ווי שווער עס זאל נאר נישט זיין. מיר זענען אבער בשר ודם און מיר האבן

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת נצבים וילך יח לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נסיונות; מיר גייען אדורך אסאך נסיונות אין מחשבה, דיבור און מעשה, וויאזוי אויפצונעמען יעדע שוועריגקייט. אבער ס'איז גוט, ווייל אז "לו צר" מיט א ו"ו – דער אייבערשטער איז דא אין די ענגשאפט – דעמאלט איז "לא צר" מיט אן אל"ף – עס איז נישטא קיין ענגשאפט.

## די מעשה פונעם סקולענער רבי'ן אין מירון

מען דערציילט אז ווען דער צדיק, דער נועם אליעזר פון סקולען, איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ער ארויפגעגאנגען צום אתרא קדישא מירון מיט א שיינעם עולם מעריצים. ווען ער איז אנגעקומען קיין מירון, האט ער אנגעהויבן פרעגן וואס עס טוט זיך אין שטאט מיט אידישקייט, און ער איז געוואויר געווארן אז עס איז נישטא קיין תלמוד תורה פאר די קינדער. ער האט תיכף צוזאמגערופן אן אסיפה פון עסקנים און מענטשן אז מען מוז שוין אויפשטעלן א תלמוד תורה – דאס איז דער מוסד "חסד לאברהם" וואס דער הייליגער סקולענער רבי האט אוועקגעשטעלט. ערשט נאכדעם איז ער ארויפגעגאנגען צום ציון פונעם תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי מיט'ן גאנצן עולם. קודם האט מען געדארפט ערלעדיגן מקדש צו זיין שם שמים און אריינברענגען די השראת השכינה פאר תינוקות של בית רבן.

ער איז אריינגעגאנגען אין מערת הרשב"י און אנגעהויבן זאגן תהלים. פלוצלינג האט ער געהערט קולות, ווי איינער וואס איז נישט ביים זינען שרייט: "שייגעץ ארויס! שייגעץ ארויס!" יענער האט גערעדט צו זיין אייגענעם יצר הרע, נישט צום סקולענער רבי'ן; ער האט געשריגן אויף זיך אליין און אויף זיינע נסיונות. ער האט זיך אזוי געבייזערט אויף זיך, אז ער האט געשריגן: "שייגעץ ארויס! שייגעץ ארויס!"

**דער סקולענער רבי האט געהערט די שרייעריי, ער האט געכאפט א פחד און איז ארויסגעלאפן. ער איז אריין אין א צימער און איז דארט געווען פארשפארט א גאנצן טאג.**

דעם נעקסטן טאג איז ער נאכאמאל ארויפגעגאנגען צו מערת הרשב"י און ווייטער אנגעהויבן זאגן תהלים, און דאס מאל האט ער געענדיגט רואיגערהייט.

שפעטער האט מען אים געפרעגט: "פארוואס האט זיך דער רבי אזוי דערשראקן? דער רבי האט דאך געוואוסט אז יענער איז נישט געזונט און ער שרייט נישט אויפ'ן רבי'ן נאר אויף זיין יצר הרע?!"

האט דער נועם אליעזר געענטפערט: "זאלט איר וויסן, איך ווייס אז יענער האט נישט געשריגן אויף מיר, אבער מיר האבן א יסוד פונעם בעל שם טוב הקדוש, אז יעדע זאך וואס א מענטש זעט אדער הערט האט א שייכות צו אים. אז איך האב געדארפט הערן די ווערטער 'שייגעץ ארויס', האב איך געמאכט א חשבון הנפש." ער איז געקומען צו אן החלטה אז ער האט געהאט א שטיקל גאות; ער איז אנגעקומען קיין מירון, תיכף אוועקגעשטעלט א ועד פאר א תלמוד תורה, און ווען ער איז ארויף צום ציון הרשב"י האט ער געהאט הרהורים פון גאות דערוועגן. ממילא האט ער געפילט אז ער איז נישט ראוי צו זיין אין מערת הרשב"י, און דערפאר האט דער אייבערשטער געמאכט אז ער זאל הערן די ווערטער "שייגעץ ארויס".

און ווער ווערט אנגערופן א שייגעץ? ס'איז נישטא קיין גרעסערער שייגעץ ווי א בעל גאוה, ווייל די גמרא זאגט אין מסכת סוטה (דף ה'): "אין אני והוא יכולין לדור" – דער אייבערשטער זאגט אז ער קען נישט וואוינען אינאיינעם מיט א בעל גאוה. דער סקולענער רבי האט נישט געוואלט האבן קיין שום הרהורים פון גאות, דעריבער איז ער געגאנגען אין א צימער און תשובה געטון, ער האט ארויסגענומען פון זיך יעדן שמץ פון גאות און התנשאות, און ערשט נאכדעם האט ער זוכה געווען אריינצוגיין אין מערת הרשב"י.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "סוד ה' ליראיו", "מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי" – מיר זעען די קדושה, טהרה און די ערנסטקייט ביי די צדיקים קדושים וטהורים.

אבער מיר לערנען ארויס פון דא צוויי ענינים: די ערשטע זאך איז, אז יעדע זאך וואס א מענטש הערט, דארף ער זיך אריינטראכטן וואס דער אייבערשטער וויל פון אים און פארוואס ער האט דאס געדארפט הערן. און אויב א מענטש איז נישט זוכה און ער ווייסט נישט דעם טעם, דארף ער נישט ווערן צוקלאפט דערפון. מען נעמט א תהילים, מען זאגט אפאר קאפיטלעך, מען דאווענט אינעם אייגענעם שפראך און מען בעט דעם אייבערשטן: "אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה, חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת". מען בעט דעם באשעפער אז מיר זאלן יא זוכה זיין צו פארשטיין.

די צווייטע זאך וואס מיר זעען דא: א איד מיט א געוואלדיגע מסירות נפש וואס איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד – וואו מען האט נישט געגלייבט אז ער וועט דאס דורכמאכן און ארויסקומען א לעבעדיגער. ער איז ארויסגעקומען צוקלאפט, צובראכן און צושמעטערט פון דעם וואס די רוסן האבן מיט אים געטון, נעבעך, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. ער קומט אן קיין מירון, און זיין ערשטע דאגה איז צו זען וואס טוט זיך מיט אידישקייט און וואס מען קען אויפטון פאר אנדערע אידן, און ערשט נאכדעם גייט ער דאווענען אינעם מקום קדוש. פלוצלינג הערט ער שרייען "שייגעץ ארויס!". ער טראכט גלייך: וואס איז פשט? **מן הסתם איז דא ביי מיר עפעס א "כוחי ועוצם ידי", מסתמא האב איך עפעס געטראכט פון זיך אליין, און רבי שמעון וויל דאס נישט.** ער האט גלייך תשובה געטון דערויף און געמאכט א תיקון הנפש, און ערשט נאכדעם איז ער צוריקגעקומען צו מערת הרשב"י.

## מבטל זיין דעם "אנכי" פאר א כתיבה וחתימה טובה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען א איד איז דעפרעסט, מיואש, צובראכן אדער צוקלאפט, קומט עס נאר פון "כוחי ועוצם ידי" – ווייל זאכן גייען נישט לויט מיין וועג; איך האב נישט דעם נאמען וואס איך האב געוואלט, איך האב נישט די חפצים, די כבוד, די געלט אדער דעם שטאנד וואס איך האב געוואלט. יעדע זאך וואס א מענטש טראכט אז ער וואלט געדארפט האבן לויט זיין שכל, דאס צוברעכט אים, דאס איז גאוה און "כוחי ועוצם ידי". ער ווערט אזוי צובראכן אז ער קען נישט לערנען, נישט דאווענען און נישט אנגיין מיט'ן סדר היום.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זאלן מיר נעמען א מוסר פון די גאוה וואס דער סקולענער רבי האט ארויסגעריסן פון זיך – די גאוה וואס מען

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת נצבים וילך יח לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

האט אים פון הימל געמאלדן ״שייגעץ ארויס״ – און דאס מאכן פאר א טעם אין אונזער לעבן? זאל דאס חלילה פירן אונזער לעבן? ניין מיר דארפן דאס מבטל זיין כעפרא דארעא, בטל ומבוטל און הפקר לכל. איך דארף דאס נישט, עס האט גארנישט מיט מיר.

**כדי מיר זאלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, דארפן מיר אוועקלייגן דעם ״איך״ און דעם ״אנכי״. מיר זענען בטל ומבוטל צום רצון השם, און דאס איז דער ריכטיגער ״גוט״. דאס ברענגט פנים מאירות, ווען דאס פנים לייכט. דאס איז אשב״ש: אמונה, שלום, בטחון ושמחה. דאס קומט נאר דורך אמונה פשוטה אז ״אין עוד מלבדו״ – עס איז נישטא קיין שום כח בעולם אויסער דעם אייבערשטן**. איך ווער נישט נתרגש אדער נתפעל פון קיינעם און פון גארנישט; איך ווער נישט צוקלאפט און נישט אויפגעלעבט פון חיצוניות, נאר איך לעב בלויז מיט'ן הייליגן באשעפער. איך קאך זיך מיט'ן אייבערשטן, איך רעד צום אייבערשטן, איך דין דעם אייבערשטן, און איך גלייב אז עס איז גוט, עס איז געווען גוט, און עס וועט זיין גוט.

אז א איד הארעוועט דערויף און לייגט אריין גרויסע כוחות, ספעציעל יעצט אין די צוויטע העלפט פון חודש אלול, ווען מיר שטייען שוין גאר נאנט צו שבת סליחות – וואס שבת סליחות פארמאגט אין זיך די גאנצע קדושה פון די הייליגע טעג – האלטן מיר דאך שוין ממש ביים טרעטן אינעם שוועל פון די ימים נוראים.

די ימי הרחמים והסליחות זענען די טעג וואס אידישע קינדער קוקן אזוי ארויס פארשריבן צו ווערן פאר א כתיבה וחתימה טובה ברוחניות ובגשמיות. יעצט איז די צייט ווען א מענטש דארף מבטל זיין אלע ״אנכיות״ און אלע אייגענע רצונות. איך וויל גארנישט, איך דארף גארנישט, און עס קומט מיר גארנישט – נאר זיך מבטל זיין צום רצון השם. דורך דעם וועל איך אויף קיינעם נישט בייז זיין, איך וועל יעדן סובל זיין און מוחל זיין, און לעבן מיט אהבת התורה, אהבת הבורא און אהבת ישראל.

הייליגע לעכטיגע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## שיעור כ״ח: כיבוד אב ואם

כיבוד אב ואם, צען מינוט, די אכט און צוואנציגסטע שיעור. כ״ח, דער הייליגער באשעפער זאל אריינגעבן כוחות און הבנה אין אידישע קינדער, כוחות ברוחניות ובגשמיות, מבחינת הגוף, הנפש והנשמה, צו קענען מקיים זיין די מצוה בשלימות. מיר גייען דא איבערחזר'ן פון גדולי הדור בעניני כיבוד אב ואם, גוואיסע זאכן מיטצונעמען און גוואיסע זאכן אנצונעמען.

## די מעשה: קאשויער רבי אינעם שפיטאל: פרעג דיין טאטן

דער זיידע זכרונו לברכה, כ״ק מרן הגה״ק אדמו״ר בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק״ל זכותו יגן עלינו, האט אמאל געהאט אן אפעראציע אין מאונט סייני שפיטאל, קיינער זאל נישט וויסן. נאך די אפעראציע האט ער געדארפט גיין שפאצירן, האט מען ערלעדיגט ביי די באהערדע פון שפיטאל אז מען זאל אויפעפענען איינע פון די דעכער כדי ער זאל דארט קענען שפאצירן, און מען זאל צושפארן די טיר אז אנדערע זאלן נישט קומען. מיר האבן זוכה געווען צו באגלייטן דעם זיידן אויף דעם שפאציר. עס איז געווען זייער האקל, ווייל ער איז געווען שרעקליך אפגעשוואכט און זייער סענסיטיוו, און עס איז געווען א גאר אנגעצויגענע מצב. מען האט געדארפט אסאך תפילות און רחמי שמים אז די אפעראציע זאל דורכגיין כהוגן.

מען האלט אינמיטן שפאצירן, ער גייט שווער טריט ביי טריט, און אינמיטן הערט מען שטארק קלאפן אויף די טיר צום דאך. איך האב מיך קודם נישט וויסנדיג געמאכט, אבער נאכדעם האט דער זיידע געזאגט אז ער הערט אזוי שטארק קלאפן, עס קען זיין אז עס איז גאר א וויכטיגע זאך, און איך זאל גיין קוקן ווער עס קלאפט.

ווען איך בין אהינגעגאנגען, האב איך געזען איינעם פון די הייסע חסידים, א גאר נאנטער מענטש, פון די געוואלדיגע עסקנים און איבערגעגעבענע געטרייע תלמידים. איך האב אים געזאגט אז עס איז יעצט א שווערע מצב און עס איז אפילו נישט בדרך כבוד יעצט צוצוקומען, אבער ער האט געזאגט אז עס איז א גאר וויכטיגע שאלה. איך בין צוריק צוגעגאנגען צום זיידן, האט דער זיידע זכרונו לברכה געזאגט: ״ער איז ביי אונז גאר א נאנטער און געטרייער מענטש, ער מעג קומען; אז ער קומט איז א סימן אז עס איז וויכטיג.״

ער איז געקומען דורכרעדן מיט'ן זיידן אן ענין פון געשעפטן, איבער אפקויפן געוויסע בנינים פאר זיינע ביזנעסער. ער איז דעמאלטס נאך נישט געווען קיין גרויסער עושר, נאר א שיינער בעל הבית, און עס איז אים אונטערגעקומען א מציאה צו קויפן עפעס וואס האט בדרך הטבע אויסגעזען ווי א געלעגנהייט צו ווערן רייך, איז ער געקומען דאס דורכשמועסן מיט זיין רבי'ן. איך האב אויסגעהערט דעם שמועס, כאטש איך האב כמעט גארנישט פארשטאנען ווייל איך בין נישט געווען אריינגעטון אין די ביזנעס וועלט, בפרט ווען מען האט גערעדט פון אזעלכע גרויסע סכומים, אבער איך האב אזוי צוגעהערט. **אינמיטן רופט זיך דער זיידע זכרונו לברכה אן: ״האסט שוין געפרעגט דיין טאטן?״** איך מוז צולייגן אז דער טאטע איז געווען א זייער וואוילער איד, אבער ער איז נישט געווען אריינגעטון אין געשעפטן און נישט געווען קיין גרויסער חכם אדער א בר-הכי צו ענטפערן אויף אזעלכע שווערע שאלות. דער יונגערמאן האט בחכמתו געענטפערט: ״יא, און דער טאטע האט געזאגט אז מען דארף פרעגן דעם רבי'ן.״ ער האט דאס געענטפערט ווייל ער האט געוואוסט אז זיין טאטע האט אים מחנך געווען אז ביי יעדע שאלה פרעגט מען דעם רבי'ן. דער זיידע האט הנאה געהאט און געגעבן א שמייכל, ער האט אים געגעבן א תשובה, און יענער איז טאקע געווארן א גרויסער עושר לאורך ימים ושנים טובים.

ווען יענער איז אוועקגעגאנגען, האב איך געפרעגט דעם זיידן: ״וואס איז געווען דער פשט פון פרעגן יענעם צי ער האט שוין געפרעגט זיין טאטן? זיין טאטע קען אים דאך נישט העלפן, ער פארשטייט נישט צו דעם און האט נישט קיין הבנה אין די זאכן; ער איז א פשוט'ער איד וואס האט דורכגעלעבט די קריג.״

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת נצבים וילך יח לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

האט דער זיידע זכרונו לברכה געענטפערט: ״דאס האט נישט קיין שייכות. **א איד דארף וויסן אז יעדע זאך אין לעבן פרעגט מען דעם טאטן. אז מען פרעגט דעם טאטן און מען איז אים מכבד, מען ווייזט אים אז מען האלט פון אים און מען רעכנט זיך מיט אים, העלפט דער אויבערשטער און מען האט סיעתא דשמיא און הצלחה אין יעדע זאך וואס מען טוט.**״

עס איז א הפלא׳דיגע און מוסר-השכל׳דיגע מעשה. דער זיידע זכרונו לברכה, וואס איז געווען דער רבן של ישראל און דער רבי פון דעם איד, האט גוט געקענט דעם טאטן און געוואוסט אז דער טאטע אליין פרעגט אלעס ביים זיידן. אפילו הכי האט ער געוואלט אז דער איד זאל האבן די סיעתא דשמיא פון ״למען ייטב לך והארכת ימים״ אויף זיינע געשעפטן, דעריבער האט ער מעורר געווען אז מען דארף פרעגן דעם טאטן.

דער זיידע זכרונו לברכה האט אויך פארציילט אז ווען ער איז געווען א קינד פון בערך זעקס יאר, האט זיין מאמע אים איינמאל געשלאגן מיט א שטעקן און אינמיטן איז דער שטעקן אראפגעפאלן. **דער זיידע האט זיך אראפגעבויגן, אויפגעהויבן דעם שטעקן און עס צוריקגעגעבן פאר זיין מאמע, כדי זי זאל קענען ווייטער שלאגן. דער זיידע איז דאך געווען אן עניו ושפל ברך, און ווען ער האט דאס פארציילט, האט ער עס נישט פארציילט אלס א מעלה, נאר כדי אונז צו ווייזן וויאזוי כיבוד אב ואם האט אויסגעזען אין דער אלטער היים – אז אויב די מאמע שלאגט, דארף מען זיך מכניע זיין און עס מקבל זיין. ווען דער שטעקן פאלט אראפ, טראכט מען נישט ״זייער גוט״, נאר מען זעט דא א מצות עשה דאורייתא** (און מען רעדט פון א קינד וואס איז נאך נישט מחוייב במצוות) זיך אראפצובייגן און אויפהויבן דעם שטעקן פאר דער מאמע, כדי זי זאל זיך נישט דארפן אליין אראפבייגן.

## וויאזוי גדולי ישראל האבן געקוקט אויף די זכיה פון משמש זיין די עלטערן

אידן פון דער אלטער היים האבן פארציילט, און באמת געדענקען מיר עס נאך, אז ביי אונז אין די היים און ביי אונזערע זיידעס און עלטערע אידן איז עס געווען אזוי איינגעפירט אין יעדע אידישע שטוב: ווער עס פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, האט די זכיה צו באדינען דעם טאטן – ברענגען פאר׳ן טאטן, צוגרייטן דעם בענקל, דעם טיש אדער דאס בעט, און באגלייטן דעם טאטן אדער די מאמע. דאס איז געווען א שכר. אן עונש איז געווען: ״דו קענסט יעצט נישט מכבד זיין דעם טאטן, דו מעגסט נישט ארייננברענגען אדער אנגרייטן פאר׳ן טאטן, און דו קענסט נישט משמש זיין דעם טאטן אדער די מאמע.״ דאס איז געווען דער כבוד און דער שכר, און דאס איז געווען דער עונש פאר די קינדער, ווייל דער גרעסטער שכר פאר א קינד איז ווען ער קען מכבד זיין זיין טאטן און מקיים זיין כיבוד אב ואם.

עס איז באקאנט אז רבי חיים בריסקר פלעגט שטיין פאר זיין טאטן, דער בית הלוי, ממש באימה וביראה, ברתת ובזיע – הפלא ופלא.

דער חזון איש, ווען דער סטייפלער האט א נאמען געגעבן זיין זון (רבי חיים קנייבסקי) נאך זיין דעהם חזו״א טאטן ר׳ שמריהו יוסף, האט דער חזון איש אים קיינמאל נישט גערופן ביים נאמען, אפילו נאך זיין טאטנס פטירה, נאר ער פלעגט אים רופן ״דער קליינער״, ווייל ער פלעגט נישט ווענלן ארויסזאגן דעם נאמען פון זיין טאטן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז דא א ״משנת דרבי אליעזר״. אין משנת דרבי אליעזר, אינעם פינפטן פרק, שטייט דארט אז רבי יהודה זאגט: אלס שכר פאר׳ן כבוד וואס דו ביסט מכבד דיינע עלטערן, וועסטו זען קינדער. מיינסטו אפשר הדיוטות, פשוט׳ע קינדער? ניין, ״תשיתמו לשרים בכל הארץ״ – דו וועסט האבן קינדער וואס וועלן זיין שרים. און ביי אונז אידן מיינט ״שרים״ נישט קיין פאליטיקאנטן; ביי אונז אידן מיינט שרים תלמידי חכמים, מורי הוראה, מרביצי תורה, און עסקנים וואס העלפן ארויס כלל ישראל.

מען דערציילט אז דער טאטע פונעם מהר״ל מפראג האט געוואלט גיין לערנען אין ישיבה אזוי ווי אלע זיינע חברים. זיין טאטע איז אבער שוין געווען אין די עלטערע יארן און ער האט נישט געקענט אוועקגיין, ווייל דער טאטע האט נישט געהאט ווער עס זאל אים באדינען. ער האט זיך זייער מצער געווען וואס ער קען נישט גיין לערנען אין ישיבה, און ער איז טאקע געבליבן א פשוט׳ער בעל הבית, בשעת זיינע אנדערע חברים זענען אויסגעוואקסן גרויסע תלמידי חכמים. אבער ער האט זוכה געווען צו בנים גדולים; איינער פון זיינע קינדער איז געווען דער גאון וקדוש, צדיק תמים, דער הייליגער מהר״ל מפראג, וואס אזויפיל גדולי ישראל זענען זיינע אייניקלעך. וואסערע דורות האט דער הייליגער מהר״ל איבערגעלאזט, און וואסערע תורה האט ער אוועקגעשטעלט פאר כלל ישראל! ער האט אפילו געהאט א ברודער וואס איז אויך געווען א גדול בישראל, אלץ אין זכות פון זיין מסירות נפש פאר כיבוד אב ואם.

## כיבוד אב ואם האט נישט קיין שיעור: סנדקאות

איינער האט אמאל געפרעגט איינעם פון די גדולי הדור אזא שאלה: ער האט מכבד געווען זיין טאטן מיט סנדקאות ביים ערשטן קינד, אבער דער טאטע האט עס ווייטער איבערגעגעבן פאר זיין טאטן – דעם זיידן אדער עלטער-זיידן. יעצט האלט ער ביים צווייטן קינד, וואס זאל ער טון וועגן סנדקאות? זאל ער עס געבן פאר זיין שווער, אדער דארף ער עס נאכאמאל געבן פאר זיין טאטן?

האט אים דער גדול געענטפערט: ״וואס הייסט? אוודאי דארפסטו עס געבן פאר׳ן טאטן, צוליב די מצוה פון כיבוד אב ואם.״ האט דער איד געזאגט: ״איך האב עס דאך שוין געגעבן, אבער דער טאטע האט עס אוועקגעגעבן.״ האט אים דער גדול געפרעגט: ״און ווען דו געסט דיין טאטן צו עסן איין מאל, דארפסטו אים שוין נישט געבן צו עסן א צווייט מאל?״ האט יענער ווייטער געפרעגט: ״און אויב איך געב סנדקאות פאר מיין טאטן ביים ערשטן קינד און ער גיבט עס אוועק, און ביים צווייטן און דריטן קינד גיבט ער עס אויך אוועק, וועל איך אים דארפן געבן אויך ביים פערטן קינד?״ האט ער געענטפערט: ״יא, כיבוד אב ואם איז פון די ׳דברים שאין להם שיעור׳ – עס האט נישט קיין מאס.״

אוודאי פארשטייט זיך אז אויב עס איז דא א שווער אין בילד, קען מען צוגיין צום טאטן און אים פרעגן: "איך וויל דיך מכבד זיין, ביי מיר איז קיינער נישט חשוב'ער פון דיר, אבער מיין ווייב זאגט אז מען דארף געבן אויך פאר איר משפחה, פאר איר טאטן," און זען וואס דער טאטע זאגט. זאל עס דער טאטע אליין אוועקגעבן.

אבער כיבוד אב ואם ארבעט נישט אזוי אז קינדער זאלן זאגן: "איך האב שוין מכבד געווען מיין טאטן, יעצט איז די רייע פאר אנדערע." מיר האבן נישט דאס רעכט דערצו. מיר דארפן געבן פאר אונזער טאטן און נאכאמאל געבן, און קיינמאל נישט אויפהערן. דאס איז דער ענין פון כיבוד אב ואם און מורא אב ואם – מוותר זיין, טון חסד, און מקיים זיין די מצוה פון "למען ייטב לך והארכת ימים". מען קען דערפון נישט דערליגן, מען קען נאר פארדינען.

עס איז באקאנט אז א קינד האט אמאל געפרעגט דעם חזון איש: **"וויאזוי וואקסט מען אויס א חזון איש?" האט ער אים געענטפערט: "דורך די מצוה פון כיבוד אב ואם."**

האבן מענטשן געפרעגט פון גדולי ישראל: לכאורה האט זיך דאך דער חזון איש אזוי געפלאגט אין לערנען, ער האט דאך מקיים געווען "שתהיו עמלים בתורה" מיט א געוואלדיגע יגיעה? די תשובה אויף דעם איז: אמת, ער האט זיך געפלאגט, אבער אז די פלאג זאל ברענגען אזעלכע פירות – ווייל אסאך אידן פלאגן זיך, אבער צו וואקסן אזא חזון איש – אויף דעם דארף מען האבן דעם זכות פון כיבוד אב ואם.

אזוי ווי די גמרא זאגט אין עירובין (י"ג ע"ב): מפני מה זכו בית הלל אז די הלכה זאל זיין ווי זיי? עס שטייט נישט ווייל זיי האבן זיך מער געפלאגט אויף תורה, ווייל בית שמאי האבן זיך אויך געפלאגט, נאר זיי האבן געהאט דעם זכות ווייל זיי זענען געווען "נוחין ועלובין" – זיי זענען געווען ווייעך און האבן זיך געלאזט פארשעמען.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אלע זכותים וואס א מענטש דארף, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אלעס ליגט אין כיבוד אב ואם. קינדער קענען נישט טון זאכן אויף אייגענע חשבונות, און אוודאי נישט פרובירן צו "רעכטשטעלן" די עלטערן.

## א התעוררות צו פילן דעם צער און דעם לעבן פון די עלטערן

אין די היינטיגע צייטן, טראכט אריין: שטעל דיר פאר א טאטע זיצט און פאסט אויס שבעה עשר בתמוז אדער תשעה באב, און ער ווארט די קינדער זאלן אים פרעגן: "וויאזוי האסטו געפאסט? וויאזוי האט די מאמע געפאסט? וויאזוי איז אדורך דער טאג?" בפרט ווען עס איז א גרויסע היץ, און קיינער רופט נישט.

שטעל דיר פאר א טאטע וואס דארף גיין צו דאקטוירים, נעמען מעדיצינען, און אפהיטן זיין געזונט, און די קינדער פרעגן נישט: "טאטע, דו גייסט שפאצירן? קום, לאמיך דיך ארויסנעמען אויף א שפאציר, לאמיך דיך טראגן ערגעץ צום וואסער. טאטע, ווען ביסטו געווען ביים דאקטאר? מאמע, וואס האט דער דאקטאר געזאגט? וואס דארף מען טון ווייטער?"

מען דארף ווייזן הרגשים, געפילן, כבוד און מורא, און באמת אריינלעבן דעם לעבן פון אונזערע עלטערן, ווייל זייער לעבן איז אונזער לעבן.

איך וויל פרעגן א שאלה: וויאזוי איז מעגליך אז א קינד זאל ארייננעמען א גלעזל וואסער אין מויל, עסן, שלאפן, טרינקען, אדער זיך אפוואשן און זארגן פאר זיין אייגענעם גוף, פאר ער האט געזארגט פאר זיין טאטן און מאמען? בפרט ווען ער זארגט בפירוש נישט, און די עלטערן עסן זיך דאס הארץ און גייען אויס פון ווייטאג און בענקשאפט צו די קינדער און אייניקלעך. וואו האסטו מנוחה, רבונו של עולם? עס איז דאך נישט מעגליך אז א אידיש קינד וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני, און זיין נשמה איז קדוש וטהור, זאל האבן אזא מין מדת אכזריות, בפרט ווען דיין גאנצע הצלחה אין לעבן, בעולם הזה און בעולם הבא, און דיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך זענען תלוי אין דעם.

טראכטס אריין, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ברוך ה' ברוך הוא אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזא מצוה וואס קען אונז ברענגען אזויפיל הילף, שכר, און גוטס אין לעבן. הודו לו ברכו שמו כי טוב ה' לעולם חסדו. נאך אלעם, מען קען נאר פארדינען דערפון.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל**

**845-414-8211**

## זיך גרייטן צו די הייליגע טעג מיט שבח און הודאה

א גוטן מארגן, דינסטאג פרשת נצבים-וילך, י"ט אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוטן מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער, אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אט אט קומט שוין די יאר צו אן ענדע און די נייע יאר הייבט זיך שוין אן. מ'דארף פשוט דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדן טאג וואס מ'האט דערלעבט. דאס אליין וואס מיר האבן דערלעבט און מיר גייען זוכה זיין צו קענען ארויסזאגן מיט אונזער מויל, מיט אונזער חכמה, בינה ודעת און מיט אונזערע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, דאס ווארט "תשפ"ז" – ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו כי טוב ה' לעולם חסדו – דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן נאר פאר דעם אליין.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חז"ל זאגן "לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל" – א מענטש זאל קודם מסדר זיין דאס דאנקען און לויבן פארן אייבערשטן, און ערשט נאכדעם דאווענען.

מיר גרייטן זיך יעצט צו די הייליגע טעג ווען מיר גייען דאווענען און דאווענען אן א אויפהער, און די הכנה צו דעם איז מסדר צו זיין זיין שבח. יעדער איד – יעדער מאן און פרוי, גרויס און קליין, יונג און אלט – לאמיר מאכן א חשבון הנפש און עס ארויסזאגן מיט אונזער מויל, מיט געפיל, מיט הרגשה און מיט אנערקענונג: **אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטאן פון פאראיאר און די צייט ביז היי יאר און די צייט.**

רעכן נישט אויס די זאכן וואס זענען אויס שווער אין דיינע אויגן, רעכן נישט אויס וואס זעט אויס ווי יסורים אדער צער און עגמת נפש; **דו וועסט זען אז דו האסט טויזנטער טויזנטער זאכן, עד אין סוף ועד אין מספר, אויסצורעכענען ווי גוט דער אייבערשטער איז צו דיר**, ווי גוט ער איז צו אונז און ווי גוט ער איז צו אלע אידישע קינדער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר ווילן דאך אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון, דעריבער דארף מען אריינלייגן כוחות אין מסדר זיין די שבחים פונעם הקדוש ברוך הוא. גלייבן אין "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו", גלייבן אין "קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת", און גלייבן מיט אן אמונה פשוטה אז דער אייבערשטער איז "לית אתר פנוי מיניה וכולא קמיה כלא חשיב".

דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן "שלא עשני גוי", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן "שעשה לי כל צרכי", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן "הנותן ליעף כח". דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדע מחשבה, דיבור, מעשה און תנועה קלה – יעדע ריר אין אונזער לעבן וואס מיר האבן אזוי גוט דורכגעמאכט דאס יאר. און קוק, מיר שטייען דא, ברוך השם, ברוך הוי"ה ברוך הוא, לאמיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

## לערנען אמונה פשוטה פונעם ריינעם וואסער

מ'פארציילט אויף רבי חיים עוזר פון ווילנא, אז ווען ער איז נאך געווען יונג אין ישיבה, פלעגט ער שטענדיג גיין זיך זעצן ביים גרויסן וואסער און באטראכטן דעם ים. האבן אים די חברים, די ישיבה בחורים, אמאל געפרעגט: "חיים, וואס קוקסטו אזוי אויפן וואסער?"

האט רבי חיים עוזר מיט זיין קדושה און טהרה געענטפערט: "דאס וואסער איז א ריינע בריאה, א בשר ודם האט גארנישט קיין שייכות דערמיט און האט נישט ארייגעלייגט קיין אייגענע כוחות דערין. דאס וואסער איז ריין פונעם הייליגן באשעפער, וואס ער האט באשאפן בששת ימי בראשית. איך שטיי און קוק אויף די וואסערן וואס עקזיסטירן שוין פון בריאת העולם ביז היינט, וויאזוי דער אייבערשטער פירט זיי – וואו זיי זאלן רינען, וואו זיי זאלן גיין, וויאזוי זיי האלטן זיך צוזאמען אדער וויאזוי זיי שאקלען זיך און הייבן זיך אויף. עס איז נישטא קיין שום כח פון א בשר ודם אין וואסער; יעדער מודה אז א מענטש האט גארנישט מיט דעם. דעריבער שעפ איך ריינע אמונה פונעם וואסער."

**וואסערע ריינע אמונה שעפט ער דערפון? אז אזוי ווי דאס וואסער איז מסודר, אזוי בין איך אויך מסודר**. יעדער איינער איז מסודר. מיר זענען אלע שוין מסודר מששת ימי בראשית.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? א בשר ודם האט נישט קיין שום כח איבערן וואסער, דאס וואסער איז פיל שטערקער פון א מענטש. אבער חוץ דעם וואס עס איז שטערקער, קענען מיר גארנישט טאן מיט אונזערע הענט עס זאל יא זיין וואסער אדער נישט זיין, אדער באשטימען וואו עס זאל לויפן. וואסער פלאנצט מען נישט איין. וואסער איז ריין מששת ימי בראשית פונעם אייבערשטן, פונעם באשעפער, פונעם בורא כל עולמים. דאס איז ריינע אמונה: **אז איך גלייב אז אזוי ווי**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת נצבים וילך יט לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**דאס וואסער איז מסודר משׁשת ימי בראשית, אזוי בין איך אויך מסודר. איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער**

## דער כח פון התחדשות און א ברכה מיט כוונה

און אז מיר רעדן שוין פון רבי חיים עוזר, וועל איך פארציילן א מורא'דיגע מעשה. א חברותא פון רבי חיים עוזר האט פארציילט, אז ער האט געלערנט מיט אים אנדערטהאלבן יאר בחברותא. רבי חיים עוזר פלעגט קומען צו יעדן סדר הלימוד פריש, כאילו ער איז יעצט אויפגעשטאנען פון שלאף און ער איז אינגאנצן אויסגערוהט. ברוך ה' יום יום, "תתחדש כנשר נעוריכי", "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". א פרישקייט, א לעכטיגקייט און א געשמאק! יעדן סדר האט ער אנגעהויבן מיט א התחדשות, מיט די גרעסטע געגועים און תענוגים. ממש יעדן טאג, און נישט נאר יעדן טאג נאר יעדן סדר, האט ער אנגעהויבן מיט א פרישקייט.

איין טאג איז רבי חיים עוזר אנגעקומען צום לערנען אפגעשוואכט, און ער זאגט: "איך ווייס נישט וואס צו טאן. איך שפיר נישט ווי א איד דארף שפירן, איך קען זיך נישט אזוי זעצן לערנען." ער האט זיך געשפירט אראפגעקלאפט און האט געדארפט עפעס וואס זאל אים אויפהייבן.

זאגט אים די חברותא: "נו, לאמיר ארויסגיין כאפן א ציגארעטל אדער טרינקען א קאווע." זאגט רבי חיים עוזר: "ניין, נישט דאס." ער האט נישט געדארפט גיין שעפן לופט, נישט קיין ציגארעטל און נישט קיין קאווע. ער האט אבער אלץ געטראכט אז ער דארף עפעס וואס זאל אים ברענגען א התחדשות, ווייל מ'קען נישט לערנען אזוי אראפגעלאזט און צוזאמגעקלאפט, נישט קיין חילוק וואס די סיבה איז געווען.

פלוצלינג זאגט רבי חיים עוזר פאר זיין חברותא: "אה, ברוך השם, דער אייבערשטער האט מיר חונן דעת געווען." ער רופט אים ארויס, גייט צו צו א פלעשל וואסער, פילט אן א גלעזל און הייבט אן מאכן די ברכה מיט כוונה: "בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ." ער האט געטרונקען אביסל פונעם וואסער און געזאגט: "מיין חבר, יעצט קען מען שוין לערנען!

מיר האבן געזאגט 'שהכל נהיה בדברו', מיר האבן געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז אלעס אויף די וועלט איז פונעם אייבערשטנ'ס דיבור און גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין." די ווערטער האבן אים געגעבן אזא חיזוק און פרישקייט, אז ער האט זיך געזעצט לערנען כאילו ער האט נישט קיין שום דאגות אויף דער וועלט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדן צופרי מאכן מיר א "שהכל" אויף די קאווע, אויפן טיי אדער אויף סיי וועלכע געטראנק. האסטו אמאל אריינגעטראכט וואס דו זאגסט? האסטו אריינגעטראכט וואס דאס זאגט צו דיר? וואסערע פרישקייט און אמונה פשוטה די ווערטער דארפן אין דיר אריינברענגען? איך זאג די ווערטער "שהכל נהיה בדברו" – **ווייסטו וואס "שהכל" מיינט? שהכל מיינט נישט נאר וואסער, מילך, קאווע אדער צוקער. שהכל מיינט אלעס, ממש יעדע זאך! "נהיה בדברו" – אלעס ווערט באשאפן און באקומט אן עקזיסטענץ נאר דורך "בדבר ה' שמים נעשו", נאר מיט די דיבור פונעם הייליגן באשעפער. דאס דארף אונז געבן די גרעסטע חיזוק, די גרעסטע שטארקייט און די גרעסטע שמחה**.

## זיך ספראוועןמיט שוועריגקייטן דורך דעם מהלך פון "פנים מאירות"

מיר הערן צוריק, ברוך הוי' ברוך הוא הודו לו ברכו את שמו, כסדר, אבער ממש – מען קען זאגן די לעצטע פאר טעג – פון זייער אסאך מענטשן. מענטשן זאגן: "איך מוטשע מיך מיט מיין ווייב, איך מוטשע מיך מיט מיין מאן, איך מוטשע מיך מיט מיינע געשוויסטער, איך מוטשע מיך מיט מיינע עלטערן, איך מוטשע מיך מיט מיין ארבעטס-געבער, איך מוטשע מיך מיט ארבעטערס, איך מוטשע מיך מיט א שכן, איך מוטשע מיך מיט א שכנה."

**אבער ווען מען טראכט זיך אריין אין דעם מהלך, אין דעם טראכטן-גאנג פון "פנים מאירות"**, איז אלעס גוט די אמונה'דיגקייט, די שמחה'דיגקייט, די רואיגקייט, דאס גלייבן אז אלעס טוט דער אייבערשטער, דאס זיין אזוי איבערגעגעבן אין די הענט פונעם אייבערשטן, און דער חלק פון תיקון המדות פון ארבעטן אויף זיך און נישט אויף יענעם, צו זיין א געבער און נישט קיין פאדערער, צו זיין א "מוח שליט על הלב" – ברוך השם, אלעס גייט אדורך. איך ווער נישט געטשעפעט און איך ווער נישט ווי געטון; איך טשעפע נישט און איך טו נישט ווי; איך ווער נישט צוקלאפט און איך צוקלאפ נישט; איך ווער נישט צובראכן און איך צוברעך נישט; איך ווער נישט אין כעס און איך ברענג נישט יענעם צו כעס; איך בין פרייליך און איך ברענג יעדן אריין אין א פרייליכקייט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לעולם יספר אדם שבחו לפני המקום. עס קומען יעצט די הייליגע טעג, טראכט אריין וואס פאר א זכיה מיר האבן דא אין "פנים מאירות אשב"ש", א לעכטיגן "גוט מארגן", דער שיעור "עס איז גוט!". **עס איז געווען גוט, עס איז גוט, און עס וועט זיין גוט**. דער שיעור "עס איז גוט", וויאזוי דאס הייבט אויף א מענטש, וואס פאר א רואיג לעבן מיר

האבן, וואס פאר א פרייליך לעבן, וואס פאר א לוסטיג לעבן, ווי נאנט מיר זענען צום אייבערשטן, צו די תורה, און צו אידישע קינדער. וואס האב איך פון א פארביטערט לעבן? דאס איז א זיס לעבן! דאנק דעם אייבערשטן אויף דעם! לויבט דעם אייבערשטן אויף דעם, ווייל דאס איז גראד פונעם באשעפער. מיר זאגן דאך נאר איבער וואס עס שטייט אין די תורה, עס האט גארנישט מיט א בשר ודם, עס איז ריין ריין פונעם אייבערשטן צו דיר; און ווער עס האט די זכות דאס צו הערן

הלוואי זאלן נאך טויזנטער אידן האבן דעם זכות מיטצוגיין מיט דעם "פנים מאירות" מהלך, מיט די אשב"ש אמונה, שלום, בטחון שמחה, "אני שמח בחלקי", מיט דעם "עס איז גוט" מהלך, מיט דעם "מוח שליט על הלב".

דאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם, און לאמיר אלע אינאיינעם מאכן א קבלה טובה צו גיין צו העכערע מדרגות אין דעם, צו קענען עומד זיין אין די שווערסטע נסיונות, און חלילה וחלילה נישט אריינפאלן נישט אין כעס, נישט אין גאוה, נישט אין קנאה, נישט אין שנאה, נישט אין דעפרעסיע, נישט אין עצבות ומרה שחורה, נישט אין יאוש, נאר אין חיזוק. היה הווה ויהיה, אין עוד מלבדו, הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום, לית אתר פנוי מיניה. איך גלייב און איך גלייב און איך גלייב, איך האב ליב דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט מיך ליב. אין עוד מלבדו, עס איז נישטא קיין שום כח בעולם נאר דער אייבערשטער. די וואסער איז מסודר, די זון און די לבנה זענען מסודר, און איך בין מסודר – יעדער איז מסודר ביים אייבערשטן.

## די חכמה פון אמונה פשוטה און פשטות התורה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיט דעם כח, מיט דעם מוח, מיט דעם חיזוק, מיט דעם קוראזש, מיט דער שטארקייט, מיט דער מסירות נפש, גייען מיר צו צו די הייליגע טעג. מיט דעם זענען מיר זוכה לתשובה, מיט דעם זענען מיר זוכה צו דאווענען און זיך אויסבעטן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

אבער מען דארף געדענקען, רבי אהרן טשערנאבלער זכר צדיק וקדוש לברכה זכותו יגן עלינו שרייבט אין א בריוו, א מענטש דארף זיך צוגעוויינען צו פשטות התורה: לערנען טאג און נאכט, **אפהיטן די תורה, עס טון מיט פשטות, איינס ביי איינס, אבער נישט זוכן קיין מדרגות**. אז מען וויל ארויפגיין אין מדרגות און מען גייט שטיגן ארויף, קען די לייטער צוזאמברעכן און מען קען חלילה אראפפאלן; מען קען אראפפאלן פון גאר א הויכן פלאץ צו גאר א נידריגן פלאץ. א מענטש זאל נישט זוכן גארנישט וואס איז נישט זיין מדרגה. טו וואס איז ריכטיג: דאווען, לערן, לערן די הלכות, טו מצוות ומעשים טובים, אלעס מיט א פשטות, מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. **איך טו עס נישט ווייל איך שפיר א טעם, איך טו עס נישט ווייל איך פארשטיי, איך טו עס ווייל דאס וויל דער אייבערשטער**.

## א טעם פאר וואס ר"ה טינקט מען עפל און האניג

איר ווייסט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איינע פון די טעמים וואס די פוסקים ברענגען פארוואס מען עסט עפל מיט האניג ראש השנה ביינאכט,

די תשובה אויף דעם איז: די גמרא ברענגט אז אידישע קינדער זענען צוגעגליכן צו אן עפל. אין אן עפל וואקסט קודם די פרי און נאכדעם דאס בלעטל, אזוי אויך האבן אידישע קינדער קודם געזאגט "נעשה" און נאכדעם "נשמע". וואס איז נעשה ונשמע? דאס איז א חכמה עליונה אין אמונה פשוטה, א געוואלדיגע חכמה אין אמונה פשוטה. האניג קומט דאך פון א בין, א בין איז א טריפה'נער שרץ, מען טאר נישט עסן קיין בין. נו, וויאזוי מעג מען עסן די האניג פון א בין? דאס האט שוין די גמרא געענטפערט פארוואס מען מעג עס עסן. עס איז דא די תוספות, עס זענען דא די מפרשים וואס זענען מסביר פונקטליך פארוואס מען מעג עסן די האניג פון א בין. אבער צו דעם דארף מען האבן אמונה פשוטה, אמונה פשוטה אין די דברי חז"ל אז דאס האט די תורה מתיר געווען.

**מען נעמט דעם עפל, וואס דאס ווייזט אויף אמונה פשוטה פון נעשה ונשמע – קודם נעשה און נאכדעם נשמע; מען נעמט די האניג, וואס שכלי'דיג וואלט עס געווען טריפה, אבער באמונה פשוטה איז עס כשר; און מען נעמט די צוויי זאכן צוזאמען, און אזוי הייבן מיר אן דאס יאר. דאס איז דער סימן טוב, דער סימנא טבא פון דעם נייעם יאר**. אונזער פשוט'ע אמונה, אבער אונזער חכמה עליונה פון אמונה פשוטה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. דאס איז תכלית החיים, דאס איז אונזער גאנצע תכלית.

## דער נודע ביהודה באגלייט ארויס אליהו הנביא

דער ביאלער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט אז דער הייליגער נודע ביהודה, נאך "שפוך חמתך", פלעגט ער ארויסגיין און באגלייטן אליהו הנביא. פארשטייט זיך, די משפחה און די תלמידים האבן זיך געפרייט – אזא גרויסער צדיק, זייער רבי דער נודע ביהודה, ער זעט אליהו הנביא און ער באגלייט אים ארויס.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת נצבים וילך יט לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ווען ער איז צוריק ארייגעקומען האט ער געזאגט: "זאלט איר מיך נישט חושד זיין אז איך האב געזען אליהו הנביא. נאר אזוי ווי איך גלייב אז אליהו הנביא קומט – והראיה, מען מאכט אויף די טיר – גלייב איך עס אזוי אמת'דיג אז איך שפיר איך דארף אים ארויסבאגלייטן."

איר הערט וואס עס מיינט אמונה פשוטה בתמימות, "התהלך עמו בתמים"? דער נודע ביהודה האט געזאגט: אויב דו עפנסט די טיר, איז דאך פשט אז דו גלייבסט אז ער איז דא. אויב דו גלייבסט בתמימות באמת, באגלייט אים ארויס. עס פאסט זיך נישט צו לאזן אליהו הנביא ארויסגיין אן אים צו באגלייטן. דו קענסט אים מקבל פנים זיין, דו קענסט אים באגלייטן. איר הערט וואס דאס איז דער אפטייטש פון אמונה פשוטה?

### תשובה און מוחל זיין: פארגעסן פונעם עבר

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונזער אמונה פשוטה איז אז דער אייבערשטער וויל מען זאל תשובה טון, און דער אייבערשטער איז מוחל יעדן איינעם, נישט קיין חילוק וואס דו האסט געטון. מ'טאר גארנישט טראכטן אויף צוריק; מ'דארף תשובה טון און נישט נאר פארגעסן פונעם עבר, נאר גלייבן אז עס עקזיסטירט שוין מער נישט – דעמאלטס העלפט די תשובה.

אויב מ'טוט תשובה און מ'טראכט: "יא, איך טו תשובה, אבער איך האב דאך געטון די שרעקליכע זאכן מיט א פאר טעג צוריק, א יאר צוריק, צוויי יאר צוריק, פינף יאר צוריק, אדער צען יאר צוריק," דעמאלטס האסטו נישט תשובה געטון מיט אמונה פשוטה. דו האסט תשובה געטון אן אמונה פשוטה, און תשובה אן אמונה פשוטה איז נישט די ריכטיגע תשובה. **מ'דארף תשובה טון מתוך אמונה פשוטה: מיר בעטן איבער און דער אייבערשטער איז מוחל, און עס איז מער נישט דא. איך געדענק עס נישט און איך טראכט נישט דערפון, ווייל עס איז שוין נישט דא**; עס איז מער קיינמאל אין לעבן נישט נוגע. דער חלק וואס איך האב מיך אויפגעבויט דערפון איז שוין דא, דאס גיי איך טון אינעם הווה און אינעם עתיד, אבער דער עבר איז גארנישט נוגע, עס איז בכלל נישט נוגע, עס עקזיסטירט פשוט נישט.

**די זעלבע זאך איז ביי מוחל זיין אנדערע אידן: איך בין יעדן מוחל און דער עבר איז מער נישט דא**. פארוואס איז דער עבר נישט דא? ווייל דער אייבערשטער האט עס געמאכט, נישט דער מענטש. דאס וואס איז געווען, וואס איז יעצט, און וואס וועט זיין, איז אלץ פאר מיין טובה וועגן, און איך גלייב אזוי. אז איך גלייב, דארף איך מוחל זיין און פארגעסן.

אויב איך וועל פרעגן: "עס טוט דאך וויי, און וויאזוי קען מען פארגעסן עפעס וואס טוט וויי?" דער ענטפער איז אז עס טוט נישט וויי. גשמיות, חומריות, כחי ועוצם ידי און גאווה – דאס טוט וויי. אמונה פשוטה, קדושה וטהרה און תורה טוען נישט וויי. אויב עס טוט דיר וויי, האסטו נאכנישט גענוג אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן.

ווילסט האבן א גוט געבענטשט יאר? דו ווילסט דיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון? וואס דו בעטסט פונעם אייבערשטן ביי דיין מחילת עוונות, זאלסטו טון פאר אנדערע אידן און פאר דיין גאנצע לעבן. זאלסט נישט טראגן שווערע פעקלעך, זאלסט טראגן זיסע פעקלעך, ווייל אונזערע פעקלעך פונעם עבר זענען זיס און גוט; אזוי האט עס געדארפט זיין, און דאס איז געווען דער רצון השם.

אויפן עתיד מאכט מען גוטע קבלות, אבער אויך נישט קיין הויכע מדרגות. פשוט'ע אידן: דאווענען, לערנען, נישט קיין חילוק אויב איך האב בלבול המוחות, און נישט קיין חילוק אויב דער יצר הרע רעדט מיר איין צי איך קען עס יא אדער איך קען עס נישט, צי איך בין רואיג אדער נישט רואיג. איך דין דעם אייבערשטן בתמימות; וואס עס שטייט אין די תורה, דאס טו איך.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מ'לעבט מיט אמונה פשוטה בתמימות, איז דאס לעבן גליקליך – דיין לעבן, דיינע קינדערס לעבן, און יעדער ארום דיר. דו מאכסט זיך און יעדן ארום דיר גליקליך. לאמיר דאס נעמען פאר אן עבודת הקודש, פאר א קבלה טובה: פנים מאירות, שמייכלען און לייכטן, אשב"ש – אמונה, שלום, בטחון ושמחה. איך בין שמח בחלקי, עס איז גוט, הייליגער באשעפער איך האב דיך ליב, און הייליגער באשעפער דו האסט מיך ליב. בנים אתם לה' אלקיכם. פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

א גוטע כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידן, אמן.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

## א גוט מארגן און א ווארימע באגריסונג

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת נצבים-וילך, כ אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער, ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברוך שמו.

ס'איז שוין כמעט אריבער א גאנץ יאר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. שנת תשפ"ו האט זיך אנגעהויבן מיט פרשת וילך, און תשפ"ו ענדיגט זיך מיט פרשת וילך. דאס איז שוין דאס צווייטע מאל דאס יאר וואס מיר גייען ליינען קריאת התורה שבת פרשת וילך. עס ווייזט אונז ווי נאנט מיר זענען שוין צום יום הדין, ווי נאנט מיר האלטן צו דעם טאג וואס מיר גייען אויסשרייען: עס איז נאר דא איין מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אין עוד מלבדו, עס איז נישטא גארנישט אנדערש אויף דער וועלט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וויאזוי גרייט מען זיך? מען גרייט זיך מיט פנים מאירות, מען שיינט, מען ווייזט א שמחה. מען זעט א דערהויבנקייט און א שטאלץ: "איך בין א איד, איך בין א בן מלך". מען דאווענט, מען לערנט, מען גייט אן מיט אן ערנסטקייט.

## די נסתרות עתיד צום אייבערשטן און די נגלות עבר פאר אונז

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אין די וואכעדיגע פרשה שטייט: "הנסתרת לה' אלקינו והנגלת לנו ולבנינו עד עולם". זאגט דער בעל ערוך לנר: "הנסתרת לה' אלקינו" – וואס עס וועט זיין קומענדיגע יאר, דאס ווייסט נאר דער הייליגער באשעפער. דעם עתיד זעען מיר נישט, און מיר האבן נישט קיין שום וועג צו וויסן וואס עס גייט זיין. דער עתיד באלאנגט נאר "לה' אלקינו", דאס איז אינגאנצן אין די הענט פונעם אייבערשטן.

אבער "והנגלת לנו ולבנינו" – וואס איז אפן פאר אונז און פאר אונזערע קינדער, דאס איז דער עבר. ווען א מענטש טראכט אריין אין דעם גוטס, אין די חסדים און רחמים וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון אינעם עבר, דעמאלטס ווייסן מיר און מיר פארלאזן זיך מיט טראסט אז דאס וועט זיין דער עתיד.

דער אייבערשטער האט געוויזן פון בריאת העולם ועד היום הזה אז אלעס איז רחמים, אלעס איז חסדים, אלעס איז אינגאנצן נאר גוט, גוט און גוט. "הנסתרות לה' אלקינו", אבער "והנגלות לנו ולבנינו" – וואס עס איז אפן, דאס ווייסן מיר און אונזערע קינדער דעם אמת, אז דער אייבערשטער איז נאר גוט. ממילא זענען מיר בכלל נישט באזארגט, ווייל מיר ווייסן אז דער אייבערשטער איז געווען גוט, ער איז גוט, און ער וועט זיין גוט.

## דער שופט איז אונזער טאטע

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען ממשיך דעם שיעור. עס איז גוט.

א מענטש זאל זיך אריינטראכטן: שטעלט אייך פאר א מענטש איז געפארן אין א קאר, ער איז דורכגעפארן א רויטן ליכט, און א פאליציאנט האט אים אפגעשטעלט. ער שרייבט אים א טיקעט און ער דארף באצאלן א קנס. דער סדר איז אז מען קומט אין ערכאות, מען גייט אין געריכט און מען שטייט פאר א שופט. מען נעמט אן אדוואקאט און מען שטייט פאר א ריכטער.

דער איד וואס איז דורכגעפארן דעם רויטן ליכט איז געווען זייער באזארגט: וואסערע קנס וועט מען אים געבן? וועט מען אים אפשר צונעמען די לייסענס? ער איז געווען אזוי באזארגט אז ער איז ארומגעגאנגען ממש אן א קאפ. וואס גייט דא זיין? ער דארף דאך די קאר פאר פרנסה! אויב מען וועט אים עס צונעמען אדער אים לייגן אויף א שווארצע ליסטע אז ער טאר נישט דרייוון, וועט ער זיין אין גרויס צער.

ער קומט אריין אין געריכט הויז, און נישט מער און נישט ווייניגער, ער זעט אז זיין אייגענער טאטע איז דער שופט, ער איז דער ריכטער! וואס גייט דעמאלטס געשען? ער גייט געבן אן אטעם אפ. זיינע חברים און זיין משפחה ווילן זיך בארואיגן. פארוואס? ווייל אז זיין טאטע איז דער שופט, איז נישטא וואס צו זיין באזארגט.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! וואס זאגן מיר א גאנצן טאג? "ברוך אתה" – דו. וויאזוי קענען מיר זיך ערלויבן צו זאגן פארן הייליגן באשעפער, פארן בורא כל עולמים, דאס ווארט "דו"? די תשובה איז: "בנים אתם לה' אלקיכם" – איר זענט קינדער פונעם הייליגן באשעפער, און קינדער זאגן פאר א טאטע "דו". דאס איז די תורה'דיגע הנהגה און הלכה, אז א איד זאגט פארן טאטן "דו".**

## צוגרייטן זיך צום יום הדין מיט שמחה און בטחון

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וויפיל מיר ציטערן פארן יום הדין, וויפיל מיר שרעקן זיך און זענען אנגעצויגן – יעדער איינער וויל דאך פארשריבן ווערן פאר א לעכטיג און זיס יאר.

און חובות און אן שווערגקייטן. מען זאל זיין געזונט, די קינדער זאלן זיין געזונט, און מען זאל האבן פרנסה ברחבה גדולה, אן קיין יסורים.

הייליגע לעכטיגע קינדער, אבער ווער איז דער שופט? "אבינו אב הרחמן המרחם". רחם עלינו! מיר האבן נישט וואס צו זיין באזארגט, מיר דארפן זיין בשמחה, פארזיכערט און בארואיגט, אן פחדים, דאגות, יאוש אדער אנגעצויגנקייט. דער טאטע איז דער שופט!

אבער מיר דארפן געדענקען אז ער איז נאר א טאטע ווען מיר פירן זיך אויף ווי קינדער פירן זיך צו א טאטע. מיר דארפן געדענקען אז מען גייט שרייען "המלך", ווייל ער איז א מלך. אונזער טאטע איז נישט קיין פשוט'ער טאטע, ער איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. ער איז א טאטע צו וועמען מיר האבן אן אהבה, און ער איז א מלך וואס מיר נעמען אויף זיך זיין עול מלכות שמים. מיר זענען בטל באהבה וביראה, סיי אלס אב און סיי אלס מלך; מיר זענען בטל ומבוטל צום הייליגן באשעפער.

**וואו זעט מען דאס? ווען דו ביסט אויף קיינעם נישט בייז, דו ביסט יעדן מוחל, דו ביסט מיט קיינעם נישט צוקריגט, דו רעדסט נישט קיין לשון הרע, דו בארעדסט נישט און באוויינסט נישט, דו ביסט נישט פארטרויערט אדער זויער, נאר דו ביסט א פרייליכער, לעכטיגער, לוסטיגער און גליקליכער איד. דעמאלטס זעט מען: יא, דאס איז א בן, דאס איז אן עבד וואס איז א בן של מלך.**

### נישט אויסנוצן די מדת הרחמים אלס א תירוץ

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רבי לייב חאסמאן, דער רבי פון רבי שלום שוואדראן, האט געזאגט: רבותי, יעדע זאך וואס א מענטש זינדיגט האט א כפרה. צי עס איז א מצות עשה, א מצות לא תעשה, א עבירה שיש בה כרת, מיתה בידי שמים אדער חילול השם – אלעס האט צום סוף א וועג וויאזוי מען קען באקומען כפרת עוונות.

אבער די וואך שטייט אין די פרשה אז עס איז דא איין זאך אויף וואס דער אייבערשטער זאגט: "לא יאבה ה' סלוח לו". דער אייבערשטער וויל אים נישט פארצייען און נישט מוחל זיין. וואס זאגט יענער מענטש? "שלום יהיה לי" – אלעס איז גוט, אלעס איז בסדר, אלעס וועט זיין פיין.

דער אייבערשטער זאגט פאר א איד: ניין, איך וויל דו זאלסט דאווענען, איך וויל דו זאלסט תשובה טון, איך וויל דו זאלסט טון השתדלות. איך וויל נישט דו זאלסט לעבן מיט א מהלך פונעם: "עס איז דא א באשעפער, א טאטע, א מלך, עס איז דא אמונה און בטחון, דעריבער קען איך טון וואס איך וויל און דער אייבערשטער וועט מיר סיייווי ליב האבן". ניין! דאס נעמט דער אייבערשטער נישט אן. "לא יאבה ה' סלוח לו" – אויף אזא סארט הנהגה איז דער אייבערשטער נישט מוחל. דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן אננעמען יעדע זאך ערנסט: אונזער חיוב פון דאווענען, אונזער חיוב פון לערנען, מצוות ומעשים טובים, בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, און מבטל זיין אלע "איד'ס" און אלע "אנוכי"ס". דעמאלטס ווערן אלע תשובות נתקבל.

אז מ'לעבט מיט אמונה, מיט דביקות הבורא, און מיט נאנטקייט צום אייבערשטן, דעמאלטס זאגט דער אייבערשטער: "איך וועל אים מוחל זיין." אבער צו לעבן מיט א פאלשע אמונה, צו פירן א לעבן טראכטנדיג אז דער אייבערשטער איז גוט און איך קען טון וואס איך וויל – אזא סארט אמונה עקזיסטירט נישט. דאס איז פונקט פארקערט, און אויף דעם ווייל דער אייבערשטער נישט מוחל זיין.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן טון פעולות. מיר דארפן מקיים זיין כיבוד אב ואם, מיר דארפן יעדן איבערבעטן, און מיר דארפן יעדן מוחל זיין. מיר דארפן טון פעולות פון שמחה, אמונה, שלום און בטחון. מיר דארפן טון פעולות זיך מבטל צו זיין און אונטערצואווארפן אונזערע רצונות צום רצון השם**. דעמאלטס זאגט דער אייבערשטער אז אלעס האט א כפרה. אבער נישט ווען א מענטש נוצט כאילו דעם כח פון אמונה און בטחון אלס א תירוץ אז ער דארף גארנישט טון. ניין, מען דארף יא טון כפי הכוחות, נישט מער וויפיל מען קען, אבער אוודאי מיט שמחה, רואיגקייט, ישוב הדעת און הרחבת הדעת. מען דארף טון, ווייל דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן טון. מען דארף דאווענען, זאגן תהלים, מקיים זיין מצוות ומעשים טובים, און מען דארף אוועקקוקן פון דעם "איך" און "מיר", נאר זיך אוועקגעבן פאר אנדערע אידן, פאר די תורה און פארן בורא.

### די קוראזש פון רבי יעקב קאפל רייך זצ"ל

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. מען דערציילט אויף רבי יעקב קאפל רייך, אז ווען ער איז ערוועלט געווארן אלס א מיטגליד אין דעם אונגארישן פארלאמענט, איז דארט געווען א מנהג אז יעדער נייער סענאטאר האט געמוזט שווערן טרייהייט פארן קעניג. וויאזוי פלעגט מען דאס טון? עס איז דארט געווען, רחמנא ליצלן, א שתי וערב, און מען האט געדארפט אויסשטרעקן די האנט קעגן דעם בשעת מען מאכט די שבועה.

# דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א
# א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת נצבים וילך כ לחודש אלול תשפו
# קול פנים מאירות 845-414-8211

ווען רבי יעקב קאפל רייך פון בודאפעסט איז אריינגעקומען, האט ער געמאלדן אז ער גייט נישט מאכן קיין שבועה פאר א שתי וערב, און ער גייט אפילו נישט אריינגיין אין צימער כל זמן מען נעמט דעם שתי וערב נישט אראפ.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז געווען אין די אמאליגע רעגירונגען, ווען שונאי ישראל האבן זיך דארט געדרייט. דאס זענען נישט געווען די היינטיגע צייטן; עס איז געווען אמאל ווען די שנאת ישראל איז געווען אויפן העכסטן פארנעם, און א איד האט זיך נישט געטארט ערלויבן אזא זאך צו טון. אבער רבי יעקב קאפל רייך, מיט זיין קדושה און טהרה, און מיט זיין אמונה און בטחון אז ער טוט וואס איז ריכטיג און בלייבט געטריי להי׳ ולתורתו – איר ווייסט ווי שטארק ער האט נושא חן געווען? צום ערשטן מאל אין די היסטאריע האט די רעגירונג צוגעדעקט דעם שתי וערב און געברענגט א ספר תורה, און מיט דעם האט ער אנגענומען זיין געטריישאפט אינעם סענאט.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? **דער אייבערשטער וויל זען אונזער געטריישאפט. וואס מער מיר ווייזן געטריישאפט, אלס מער סיעתא דשמיא, מער הימל׳דיגע חסדים גלויים, רחמים גלויים, זעט מען מער נפלאות הבורא.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן אים ליב האבן און גיין נאר בדרך התורה, אן קיין שום חכמות חיצוניות. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן האבן מסירות נפש נישט אריינצופאלן אין כעס, יאוש, עצבות אדער מרה שחורה. אז מען גלייבט און מען האלט זיך שטארק דערביי, איז מען מורא׳דיג מצליח צו זען סיעתא דשמיא; ״זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו, מאת ה׳ היתה זאת היא נפלאת בעינינו.״

## דינא דמלכותא דינא און קידוש שם שמים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. מען דערציילט אויך אז דער גרויסער קייזער פראנץ יאזעף האט געהאט א געוואלדיגע יראת הכבוד צו רבי יעקב קאפל רייך, און ער פלעגט זיך אפט איבערשמועסן מיט אים איבער ענינים וואס זענען נוגע אידישע קינדער אין די אונגארישע עסטרייכישע קעניגרייכן.

איינמאל ביי א קבלת פנים האט איינער פון די פאליטיקאנטן דארט געפרעגט רבי יעקב קאפל רייך: ״וויאזוי קען עס זיין אז איר זענט אזוי געטריי פאר א מלוכה וואס איז אנגעפיקעוועט מיט דעם קריסטליכן גלויבן? איר זענט דאך א פרומער, שטרענגער איד, וויאזוי קענט איר האבן א קשר מיט קריסטליכע גוים?״

האט רבי יעקב קאפל געענטפערט מיט חכמה, בינה און דעת: ״די חכמים האבן אונז געלערנט ׳דינא דמלכותא דינא׳, און חז״ל זאגן ׳הוי מתפלל בשלומה של מלכות׳. דער וואס איז באמת ערליך און געטריי צום אייבערשטן און צו זיין תורה, דער איז אויך געטריי צום קעניג פון זיין מדינה, ווייל זיין געטריישאפט קומט נישט פון פאליטיק, נאר פון א העכערקייט און געטליכקייט.״ דער קעניג האט זייער באוואונדערט די תשובה פון רבי יעקב קאפל רייך.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מען זעט א איד מיט אהבת ישראל, וואס פירט זיך אויף מיט א קידוש שם שמים – סיי צווישן אידן און סיי צווישן להבדיל אומות העולם – ברענגט ער דעם ״הללו את ה׳ כל גוים שבחוהו כל האומים״. ער מאכט אז די אומות העולם זאלן זען די שיינקייט, די רואיגקייט און די לעכטיגקייט פון א איד, דורך דעם וואס ער טשעפעט אפילו נישט קיין פליג. ער פירט זיך אויף מיט א געוואלדיגע ישוב הדעת, מיט רואיגקייט און פרייליכקייט אין יעדן מצב. אין יעדן פלאץ וואו ער קומט אן און צו יעדן מענטש אין די גאנצע וועלט, איז דאס א קידוש שם שמים. **אויב איינער וואס איז געטריי צום אייבערשטן איז געטריי צו א מלך בשר ודם, איז דאך כל שכן אז ער איז געטריי צו זיינע קינדער, זיין תורה און זיין מסורה. מיר האבן אלע כוחות, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן די מוחות, מיר דארפן נאר גלייבן אין דעם.**

## די ישועה פונעם שפת אמת דורך אמונה פשוטה

נעכטן איז געווען די יארצייט פון רבי משולם שרגא פייוויש בן רבי נפתלי הערץ, דער בעל ״שפת אמת״ פון ברעזשין. עס ווערט דערציילט אין ספר ״נחלת צדיקים״ א מעשה:

א סוחר פון ברעזשין וואס פלעגט האנדלען מיט סחורה איז אריינגעפאלן אין שווערע חובות, ביז ער האט שוין געהאלטן ביים פארלירן זיין גאנצן פארמעגן, זיין הויז און אלעס וואס ער האט פארמאגט. איז ער אריינגעגאנגען צום צדיק, דעם שפת אמת פון ברעזשין, מיט האפענונג אז ״צדיק גוזר והקב״ה מקיים״, און ער האט זיך אויסגעוויינט פארן רבי׳ן איבער זיין גרויסער צרה. דער שפת אמת האט אים געזאגט: ״פאר נאכאמאל צום יריד, קויף איין סחורה וואס אנדערע קוקן נישט דערויף, פארלאז דיך אויפן אייבערשטן, און דו וועסט האבן א ישועה.״

דער סוחר האט געפאלגט, כאטש עס האט אויסגעזען אומפארשטענדליך. ער האט זיך איינגעהאנדלט סחורה, און פלוצלינג איז געווארן א מאנגל אין יענעם פראדוקט און די פרייזן זענען געשטיגן דרייפאכיג. ער האט אלעס פארקויפט מיט געוואלדיגע רווחים, און מיט דעם געלט האט ער אפגעצאלט אלע חובות און איז נאך געווארן א גרויסער גביר.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וויאזוי טייטשט מען אפ די מעשה? וואס דער שפת אמת האט אים געזאגט איז, **אז נישט מיט "כחי ועוצם ידי" און נישט מיט שכל געווינט מען; נישט אזוי האט מען א ישועה אדער ווערט מען פטור פון חובות. איר ווייסט וויאזוי מען ברענגט אראפ א שפע פון השפעות? דורך אמונה פשוטה.**

אמונה פשוטה מיינט: גיי האנדל, קויף סחורה וואס קיינער קוקט נישט אן, אפילו ווען עס זעט אויס אז פון דעם קען מען גארנישט מאכן, בפרט ווען מען איז "בעירום ובחוסר כל". ער האט עס געטון מיט אמונה פשוטה, "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", מיט אמונת חכמים, און ער האט ארויסגעוויזן זיין געוואלדיגן בטחון אינעם אייבערשטן. וואס האט ער דערגרייכט? ער האט באצאלט אלע חובות און איז טאקע פון יענעם פראדוקט געווארן א גרויסער עושר.

## עפענען די צינורות פון השפעות דורך תמימות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער אייבערשטער האט פאר אונז אלע השפעות טובות. עס איז נישט קיין חילוק וויאזוי און נישט קיין חילוק פון וואס, ווייל אלעס קומט ממילא פונעם כל-יכול. אונזער תמימות'דיגע אמונה פשוטה, "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", צו גלייבן אינעם אייבערשטן און גלייבן אין די תורה;

צו גלייבן אז אלעס וואס שטייט אין די תורה איז געמאכט ספעציעל פאר מיר. צו גלייבן אז אלעס וואס ווערט געברענגט אין די ספרי מוסר וחסידות, ספרי מנהגים, און ספרי מסורת האבות – אלעס איז געמאכט פאר מיר.

איך האב די כוחות, און אלעס וואס איך טו קען ברענגען פרנסה, עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס מען טוט. וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז איז צו זען אונזער אמת'דיגע אמונה, אונזער תמימות'דיגע אמונה, און אונזער אמת'דיגע געטריישאפט מיט דעם וואס מיר ווייזן פארן אייבערשטן: "דו ביסט אונזער טאטע, דו ביסט אונזער מלך, און מיר זענען אינגאנצן נכנע צו דיר." מיט דעם עפענען מיר אויף אונזערע צינורות פאר השפעות טובות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס און כל מיני ישועות אין א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## די הארבקייט פון מצער זיין א טאטע אדער מאמע

בסיעתא דשמיא, כיבוד אב ואם, צען מינוט, דער נייען און דרייסיגסטער שיעור.

**אין זוהר הקדוש פרשת ויצא שטייען פחד'יגע ווערטער**: רחל אמנו איז אוועק פון דער וועלט גלייך ווען בנימין איז געבוירן געווארן. זי איז אוועק יונגערהייט און האט נישט זוכה געווען אויפצוציען בנימין. זאגט דער זוהר הקדוש: פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געטון פאר רחל אמנו? **רחל די צדקת, די עקרת הבית! זאגט דער זוהר הקדוש, אז וויבאלד זי האט אוועקגענומען די עבודה זרה פון איר טאטן – כאטש איר כוונה איז געווען לטובה – אבער היות איר טאטע האט געהאט צער דערפון, איז זי דעריבער אוועק יונגערהייט.**

לאמיר אריינטראכטן אין די ווערטער: לבן הרשע, לבן הארמי, איז אלס בן נח געווען מחויב אין דעם איסור פון עבודה זרה. רחל אמנו הצדקת האט אינזין געהאט אים צו ראטעווען פון עבודה זרה, וואס עבודה זרה אליין איז א מצוה מבטל צו זיין און עוקר זיין מן השורש. אבער וויבאלד דער דאזיגער "דבר טוב" איז געשען דורך פאראורזאכן צער פאר איר טאטן – און דאס איז נאך געווען פאר קבלת התורה – איז זי נעבעך אוועק יונגערהייט און נישט זוכה געווען אויפצוציען בנימין.

## דער תיקון פון יוסף און בנימין און די מפלה פון עשו

פון דער אנדערער זייט האבן אירע קינדער געמאכט א תיקון אויף דעם. די גמרא ברענגט אין בבא בתרא (קכ"ג) אז די קינדער פון עשו וועלן נישט איבערגעגעבן ווערן נאר אין די הענט פון די קינדער פון יוסף הצדיק, שנאמר: "והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש".

אין פסיקתא שטייט קלאר אז דער זרע של עמלק וועט נאר אריינפאלן אין די הענט פון רחל'ס קינדער; רחל'ס קינדער גייען זוכה זיין מבטל צו זיין די קליפה פון עשו און עמלק.

דער אור שמח אין משך חכמה (פרשת וישלח) זאגט, אז וויבאלד עשו האט געהאט די גרויסע זכיה און דעם גרויסן זכות פון כיבוד אב ואם, קענען נאר יוסף און בנימין – וואס זיי האבן אויך זוכה געווען מקיים צו זיין כיבוד אב ואם – זיך מתגבר זיין איבער עשו.

די אנדערע שבטים האבן פארקויפט יוסף און דערמיט מצער געווען זייער טאטן יעקב אבינו, ממילא קענען זיי נישט זוכה

זיין מבטל צו זיין קליפת עשו און קליפת עמלק; עס מוז קומען דוקא דורך יוסף און בנימין. זיי האבן געמאכט א תיקון אויף זייער מאמע דורך דעם וואס זיי האבן נישט מצער געווען זייער טאטן און יא מקיים געווען כיבוד אב ואם, דעריבער וועלן זיי זוכה זיין צו דעם גרויסן זכות אז זייערע קינדער וועלן שולט זיין און קענען מבטל זיין די קליפה פון עשו און עמלק.

עס כאפט א פחד ווען א מענטש טראכט: ווי קען מען מצער זיין א טאטע אדער א מאמע פאר אייגענע אינטערעסן? רחל אמנו האט עס געטון פאר דעם אייבערשטנ'ס אינטערעסן, פאר תורה אינטערעסן, און כדי איר טאטע זאל מקיים זיין מצוות בני נח, און פונדעסטוועגן האט עס נישט געטארט קומען אויף אן אופן פון צער.

די שבטים הקדושים האבן געטון על פי השם, און דער אייבערשטער איז כביכול געווען דער צענטער ביי דער שבועה, אבער דאך האבן זיי מצער געווען יעקב אבינו.

לאמיר אריינטראכטן אין אונזערע אייגענע אינטערעסן: פאר אונזער מנוחת הנפש, פאר אונזער נעימות החיים, פאר אונזער ישוב הדעת, פאר אונזער שוואוילטאג, פאר אונזער גאווה, פרעסטיזש, גוף, גשמיות, און אפילו רוחניות – ערלויבן מיר זיך מצער צו זיין א טאטע און א מאמע אויף וועלכע אופן עס איז נאר שייך, רחמנא ליצלן.

לאמיר אריינטראכטן, דער זוהר הקדוש זאגט אונז דאך פחד'יגע ווערטער. **על כן זענען מיר מקבל בעזרת השם מהיום והלאה נישט מצער צו זיין א טאטע און א מאמע אויף קיין שום אופן שבעולם. נישט פאר דעם אייבערשטנ'ס אינטערעסן, נישט פאר מיינע אינטערעסן, נישט פאר מיין מאן, מיין ווייב אדער מיינע קינדער – פאר קיינעמ'ס אינטערעסן נישט! איך קען נישט, איך טאר נישט, איך וויל נישט, און איך בין אפילו נישט ביכולת צו מצער זיין מיין טאטן און מאמען אויף קיין שום וועג שבעולם. נישט ווייזן פאר זיי קיין צער, און נישט ווייזן אז זיי זענען מיך מצער – גארנישט. קיין שום שייכות מיט צער, עגמת נפש, דערנידערונג, ווייטאג, פחיתת הכבוד אדער פחיתת מורא אב ואם; מיר וועלן חס ושלום נישט האבן קיין שייכות דערמיט. נאר מכבד זיין, מורא האבן, זיי אויפהייבן, זיי משמח זיין, און זיך מוסר נפש זיין פאר'ן טאטן און פאר דער מאמען.**

## די מורא'דיגע מעשה פון הגאון רבי שלמה זלמן אונסדארפער זצ"ל

אונזער מחותן, הגאון הצדיק המפורסם רבי יעקב אליהו אונסדארפער זצ"ל, אב"ד ראשית חכמה פון מאנטריאל, האט פארציילט אויף זיין זיידן רבי שלמה זלמן אונסדארפער, וואס איז געווען א מגיד מישרים און א דיין אין דער שטאט פרעשבורג. איין טאג האט אים געכאפט א שטארקער חשק ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל; ער האט זיך געוואלט אנפילן מיט "אוירא דארץ ישראל דמחכים", גיין צו די מקומות הקדושים און זיך אנשעפן מיט דער קדושת הארץ. ער האט געהאט געוואלדיגע געגועים און בענקעניש כסדר, ער האט געוואלט פארן. אבער אין יענע יארן איז דאס געווען א גאנצער פארמעגן, א געוואלדיגע הוצאה וואס ער האט פשוט נישט געקענט באווייזן.

איין טאג איז איינער פון די עשירים פון דער קהילה געקומען צום רב, רב אונסדארפער, מיט א משלוח מנות. וואס איז געווען די משלוח מנות? ער האט אים פארשאפט א קארטל צו קענען פארן מיט א שיף קיין ארץ ישראל. דער עושר האט אלעס באצאלט און מסדר געווען, אז דער רב זאל קענען ארויפפארן אן קיין שום הוצאות אויף זיין אייגענעם חשבון – אלעס אויפ'ן חשבון פון דעם עושר. הרב אונסדארפער איז געווען זייער נתרגש; ער האט דאך זיין גאנצע לעבן געגלוסט דערצו. ער האט מיט ווארימקייט באדאנקט דעם עושר, און שוין געציילט די טעג און וואכן ווען ער וועט קענען ארויפגיין אויפ'ן שיף און פארן קיין ארץ ישראל.

אינצווישן האט מען אנגעהויבן פאקן די רענצלעך, אנגרייטן דאס עסן און אלעס וואס מען דארף פאר אזא לאנגן וועג אויפ'ן שיף. מען האט געמאכט אלע הכנות צו פארלאזן דאס הויז פאר א לאנגער צייט. צוויי וואכן פאר ער איז ארויסגעפארן, ווען די זאכן זענען שוין געווען מער-ווייניגער גרייט, איז ער געפארן צו זיינע עלטערן זיך געזעגענען און נעמען א ברכה. עס איז געווען אפגעשמועסט אז ער וועט צוריקקומען, און שבת וועט ער זיך געזעגענען מיט די שטאט'ס מענטשן און געבן א דרשה. דערנאך, מוצאי שבת, וועט מען זיך צוזאמקומען מאכן א סעודת פרידה. אזוי איז טאקע געווען: די גאנצע קהילה האט זיך געזעגנט, און יעדער האט געוואונטשן ברכות מיט א געוואלדיגע ווארימקייט. מען האט זיך געהאלטן ממש ביי זונטאג ווען מען גייט שוין ארויף אויפ'ן שיף; מען האט זיך שוין געזעגנט פון דער גאנצער קהילה, און אלעס איז אדורך ווי עס דארף צו זיין.

פלוצלינג באקומט ער א בריוו פון זיין מאמען: "מיין טייער קינד, פאר געזונטערהייט און קום צוריק געזונטערהייט. איך בעט דיך אבער, אז ווען דו קומסט אן קיין ארץ ישראל, זאלסטו תיכף שרייבן א בריוו אז דו ביסט אנגעקומען בשלום און דו ביסט געזונט. ווייל איך וויל דו זאלסט וויסן, אז כל זמן דו וועסט זיין אויף דער שיף און ווילאנג די נסיעה וועט געדויערן,

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת נצבים וילך כ לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

וועט מיין הארץ – מיין מאמעריש הארץ – נישט זיין רואיג. דעריבער בעט איך דיך, אז ווען דו קומסט אן, זאלסטו שנעל שיקן א טעלעגראם, כדי איך זאל מיך קענען בארואיגן אז דו ביסט אנגעקומען געזונטערהייט." די מאמע האט געחתמעט דעם בריוו מיט פיל ליבשאפט.

ווי נאר ר' שלמה זלמן אונסדארפער האט באקומען דעם בריוו, האט ער געמאלדן פאר דער משפחה: "מען פארט נישט!" די גאנצע הכנות פון אזויפיל וואכן, דאס געזעגענען זיך מיט דער קהילה – אלעס איז אפגערופן; ער פארט נישט. וואס איז געשען? **וויאזוי קען ער זיין אויף א שיף בערך צוויי ביז דריי וואכן – אזוי לאנג ווי די רייזע האט געדויערט – בשעת זיין מאמע וועט זיין באזארגט און נישט האבן קיין מנוחת הנפש? דאס גייט דאך אריין אין גדר פון מצער זיין א מאמע. ער קען פשוט נישט ארויפגיין אויף דער שיף. ער וויל פארן, ער בענקט צו פארן, אבער נישט אויפן חשבון פון זיין מאמע. ער גייט נישט; ער האט מבטל געווען די נסיעה.**

### דער חוב פון שואל זיין בעצת עלטערן און זיי משמח זיין

איר הערט וואס דא טוט זיך? ווי ווייט אונזערע גדולים און ערליכע אידן האבן מקפיד געווען אויף כיבוד אב ואם, און געציטערט פון מצער זיין אדער באזארגן א טאטע אדער א מאמע.

מיר דארפן וויסן אז אונזערע עלטערן זענען באזארגט וואס עס טוט זיך מיט אונז, מיט אונזערע קינדער און מיט אונזערע אייניקלעך. זיי טראכטן דערפון, זיי לעבן דערמיט, און זיי לעכצן און בענקען נאך דעם. זיי ווילן אלעס מיטהאלטן און אלעס וויסן. מען דארף גיין צו די עלטערן, מען דארף זיי אינפארמירן און מען דארף זיך דורכרעדן מיט זיי.

מיין טאטע, הגה"צ דער קאשויער רב שליט"א זאל זיין געזונט לאריכות ימים ושנים טובות, זאגט שטענדיג: אין דער תורה שטייט "שאל אביך" – פרעג דיין טאטן; יעדע זאך זאלסטו פרעגן דיין טאטן. "ויגדך" – וואס וועט דיר דיין טאטע זאגן? "זקניך ויאמרו לך" – גיי צום זיידן, זאל דער זיידע דיר זאגן. דאס איז אונזער כיבוד אב ואם.

ביי אונז זענען די עלטערן געשעצט, זיי זענען ביי אונז ווי א מלך און א מלכה. מיר זענען זיי מכבד און מיר האבן מורא פאר זיי – א מורא פון יראת הכבוד. נישט נאר וואס מיר זענען זיי נישט מצער, נאר מיר מאכן זיכער אז זיי האבן פון אונז כסדר שמחה, תענוג און נחת רוח. זיי דארפן שפירן אויף יעדע טריט און שריט אין לעבן אז זיי זענען נישט אליין און אז מיר דארפן זיי האבן. עס איז נישט אז מיר טוען זיי א טובה, נאר מיר דארפן זיי פשוט האבן; מיר דארפן זייערע עצות, מיר דארפן זיך מיט זיי דורכשמועסן, און מיר בענקען נאך זיי. דאס איז די חשיבות.

**ליידער זענען דא בזמנינו קינדער וואס רעדן נישט צו די עלטערן, אדער זיי רעדן קאלט, זיי זענען דערווייטערט און באהאלטן זאכן פון די עלטערן. אין דער תורה שטייט "למען ייטב לך והארכת ימים". איר ווילט האבן א גוט געבענטשט יאר? עס איז דאך יעצט ערב סליחות. איר ווילט האבן אריכות ימים? איר ווילט פרנסה? איר ווילט אז אייערע תפילות זאלן נתקבל ווערן? כיבוד אב ואם איז די תשובה אויף דעם אלעם – פאר הצלחה, ברכה און סיעתא דשמיא.**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, דאנערשטאג פרשת כי תבוא, י"ד לחודש אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער, **מיר גייען דא זאגן צוזאמען בשותפות**, אלע אינאיינעם מיט א כח הרבים: **ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט.**

דער "פנים מאירות אשב"ש גוט מארגן" שיעור באקומט א נייעם נאמען: "ס'איז גוט". דער שיעור "ס'איז גוט". ווייל די אלע שיעורים פון גוט מארגן, פנים מאירות, לעכטיגן גוט מארגן און אשב"ש, ברענגען ארויס די גוטס פון די וועלט, די גוטס פון די תורה, די גוטס פון א איד, און די גוטס פונעם הייליגן באשעפער, כי לעולם חסדו.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **הייבט אן דעם טאג: ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט. ס'איז נאר דא גוטס בעולם**. אה, הייליגע פרייליכע לעכטיגע אידישע קינדער, ברוך הוי', הודו לו, ברכו שמו. מיר האבן די זכות צו זיין אין די מדרגה פון גלייבן מיט אן אמונה פשוטה: ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט.

## די עבודה פון ליב האבן יעדן איד און זיין מוחל בלב שלם

הייליגער באשעפער, איך האב דיך ליב, איך האב ליב די תורה, און איך האב ליב אידישע קינדער. **הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך. הייליגער באשעפער, איך זאג עס דיר פון מיין אמת'ן הארץ, איך בין יעדן איד מוחל, נישט קיין חילוק וועלכער איד, אן קיין שום יוצא מן הכלל ממש, יעדן יעדן ממש בין איך מוחל בלב שלם**. ווייסטו פארוואס, הייליגער באשעפער? ווייל איך דין דעם באשעפער און איך היט די תורה, און אזוי וויל דער אייבערשטער. איך האב נישט קיין אייגענע רצונות, איך לעב נישט מיט מיין אייגענע דעת, איך בין מבטל מיין דעת פאר'ן הייליגן באשעפער. טאטע, דו ווילסט מיר זאלן מוחל זיין? איך בין מוחל! הייליגער באשעפער, איך בעט דיך אבער, פיר עס אזוי אויס אז אלע אידן אין גאנץ כדור העולם זאלן מיר אויך מוחל זיין. הייליגער באשעפער, זיי מיר מוחל! און פארשרייב פאר מיר, פאר מיינע קינדער, פאר מיינע קינדס קינדער, פאר מיינע אור-אייניקלעך, פאר'ן גאנצן כלל ישראל און פאר אלע דיינע לעכטיגע קינדער, א גוטע כתיבה וחתימה טובה. זיי פאר יעדן איינעם מוחל, הייליגער באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס דארף מען טון יעדן טאג פון יאר. און אוודאי יעצט אין חודש אלול, ווען מיר האלטן שוין און מיר גייען שוין אריין אין די צווייטע האלב פון חודש אלול, מיר האלטן שוין ממש אט אט און מיר גייען שוין זאגן סליחות, געבן מיר ארויס אונזערע גוטע געפילן, אונזערע אמונה'דיגע געפילן און אונזער ליבשאפט פאר'ן הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נאכאמאל: אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו. וואויל איז פאר אונז אז מיר קענען צוזאמען, אזויפיל טויזנטער אידן, זיך אזוי מחזק זיין, זיך אזוי שטארקן, זיך אזוי קענען מדבק זיין צום אייבערשטן, זיך מכניע זיין און ליב האבן דעם אייבערשטן מיט זיין תורה און מיט זיינע אידישע קינדערלעך.

## דער טרייסט פון א איד: דער באשעפער קלאפט נאר כפי הכח

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז דא א מדרש. דער מדרש געפינט זיך אין אגדות בראשית פרק ח'. דער מדרש ברענגט דארט דעם פסוק אין מיכה (פרק ז' פסוק ט'): "זַעַף ה' אֶשָּׂא". דעם צארן פונעם אייבערשטן קען איך פארטראגן, ווייל איך וויס "כִּי חָטָאתִי לוֹ", איך האב געזינדיגט פאר אים. "עַד אֲשֶׁר יָרִיב רִיבִי", ווילאנג דער אייבערשטער וועט מיך באשטראפן און ער האט מיר געגעבן מיינע עונשים. "וְעָשָׂה מִשְׁפָּטִי יוֹצִיאֵנִי לָאוֹר אֶרְאֶה בְּצִדְקָתוֹ", צום סוף וועט דער אייבערשטער מיך ארויסנעמען צו א לעכטיגקייט און איך וועל זען די גערעכטיגקייט פונעם הייליגן באשעפער. אזוי זאגן אידישע קינדער פאר'ן אייבערשטן.

זאגט דער מדרש: די אומות העולם, די גויים, פרעגן די אידן: איר זאגט "זעף ה' אשא", דו קענסט פארטראגן דעם זעם פונעם אייבערשטן? ס'איז דא א מפורשי'ער פסוק אין נחום (א'): "לפני זעמו מי יעמוד", ווער קען שטיין פארן זעם פונעם אייבערשטן? זעט מען דאך בפירוש אז מען קען נישט קענען דעם שטיין; ווען עס איז דא א זעם, קען מען עס נישט אויסהאלטן.

## א משל פון א גיבור וואס רעכנט אויס זיין כח

אויף דעם ענטפערט דער מדרש עטליכע תירוצים. מיר גייען נאר ארויסנעמען צוויי שטיקלעך פון דעם מדרש. איין שטיקל איז, אינמיטן זאגט דער מדרש א משל: א גיבור איז געגאנגען און ער האט געגעבן א פראסק אין פנים, אבער אזא גיבור'ישן, שטארקן קנאק אין פנים פאר איינעם מיט זיין פויסט, און יענער איז תיכף געהרגעט געווארן, רחמנא ליצלן. אזא שטארקן זעץ האט דער גיבור געגעבן. ער קומט אן אהיים און ער איז אין כעס, ער

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעבטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איז אויפגערעגט, ער גייט צו צו זיין וויב און ער לאזט איר אויך אראפ א פראסק, אבער זי שטארבט נישט און זי פאלט נישט אראפ. די שכנים האבן דאס געזען און זענען צוגעגאנגען צו דער פרוי: "אזא גיבור'טע ביסטו! אלע שטארקע מיליטער-סאלדאטן, ווען דער גיבור לאזט אראפ א פראסק שטארבן זיי, און דו פאלסט אפילו נישט אראפ, דו שטייסט גראד און ס'איז גארנישט געשען." האט די וויב געענטפערט אז דער חילוק איז: ווען ער געבט פאר זיי א קלאפ ווען ער איז אויפגערעגט, געבט ער עס מיט אלע כוחות וואס ער האט. אבער ווען ער געבט מיר א פראסק, רעכנט ער אויס וויפיל כח איך האב. ער געבט נישט קיין איין משהו מער ווי דעם כח וואס איך קען פארטראגן, ממילא פארטראג איך עס.

אזוי זאגט דער אייבערשטער פאר אידישע קינדער: "כי אני ה' לא שניתי". **דער הייליגער באשעפער זאגט: איך האב קיינמאל נישט געגעבן א קלאפ פאר א איד אויב ער האט נישט די כוחות דערצו. ווען דער אייבערשטער קלאפט, געבט ער כפי הכוחות.**

עס שטייט ווייטער אין מדרש נאך פשטים: אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן איש הבירה. אידישע קינדער זאגן פאר די אומות העולם: לאמיך ענק זאגן מיט וואס מיר טרייסטן זיך, לאמיך ענק זאגן וואס איז אונזער כח קעגנצושטיין דעם צארן פונעם אייבערשטן. ווייל דו ווייסט וויאזוי דער אייבערשטער שלאגט אונז? ער געבט אונז א מכה, און ער באשאפט אונז תיכף אלס א בריאה חדשה. מיר ווערן גראד נאכאמאל געבוירן. ישעיה הנביא זאגט: "מי נתן למשוסה יעקב וישראל לבזזים", ווער צוטרעט און פארשעמט אידישע קינדער? "הלא ה' זו", דאס איז דער הייליגער באשעפער, "חטאנו לו", ווייל מיר האבן געזינדיגט פאר אים, "ולא אבו בדרכיו הלוך", מיר האבן נישט געוואלט גיין אין זיינע וועגן, "ולא שמעו בתורתו", מיר האבן נישט צוגעהערט צו זיין תורה. אבער וואס שטייט שפעטער? ישעיה הנביא זאגט: "ועתה כה אמר ה' בראך יעקב", דער אייבערשטער זאגט: איך האב דיר באשאפן יעקב, "ויצרך ישראל", דער אייבערשטער באשאפט אונז נאכאמאל, "אל תירא", דו דארפסט נישט מורא האבן, "כי גאלתיך", ווייל איך וועל דיר אויסלייזן, "קראתי בשמך לי אתה".

הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער, זאגט דער מדרש: אידישע קינדער טרייסטן זיך מיט דעם וואס דער אייבערשטער זאגט: "האסט געכאפט א מכה? האסט געכאפט א קלאפ? אבער איך מאך דיך גראד פאר א נייעם מענטש, איך באשאף דיך תיכף פריש." אזוי ווי מיר האבן געזאגט אין מגילת איכה, ירמיהו הנביא זאגט: "זאת אשיב אל לבי" – וואס גיט מיר צוריק מיין הארץ? מיט וואס מחזק איך זיך? "חדשים לבקרים", ווייל דער הייליגער באשעפער באשאפט אונז כסדר פריש.

## נישט קוקן אויפן עבר: דער באשעפער באשאפט אונז פריש יעדן טאג

איר הערט, הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער? וויאזוי קענען קומען מענטשן און זאגן אז מען דארף טראכטן פונעם עבר? אז מען דארף זיך ארייכקראצן אין דער פארגאנגענהייט, אין דעם גאנצן צער און עגמת נפש וואס מען איז יא אדער נישט דורכגעגאנגען, אז מען דארף דאס דורכטון און זיך דערין ארייגלייגן? דער אייבערשטער האט דיך דאך יעצט שוין באשאפן פריש! דאס אלטע איז שוין נישט דא, "העבר אין", און אין דעם הווה ביסטו דאך א נייער מענטש. דאס איז אונזער נחמה, דאס איז דער תורה'דיגער וועג פון קוקן.

דאס איז וואס אידישע קינדער זאגן מיט א שטאלץ פארן גוי: "דו גוי איינער, דו האסט נישט דעם חיזוק, דו ווייסט נישט פון וואס דו רעדסט, דו לעבסט נישט אין אמונה. דו זיצסט אין אלטע פלאנטערס וואס זענען שוין לאנג נישט דא, אבער מיר טרייסטן זיך." דער אייבערשטער גיט נישט קיין מכה מער ווי אונזערע כוחות; דער אייבערשטער האט אונז קיינמאל נישט געגעבן א מכה וואס איז העכער פון אונזערע כוחות. **ממילא זענען מיר נישט פארווייטאגט און מיר זענען נישט געטראומעטייזט, ווייל דער אייבערשטער טראומעטייזט נישט קיין מענטשן. דער יצר הרע טראומעטייזט, אבער דער אייבערשטער טראומעטייזט נישט. דער אייבערשטער גיט אונז מתנות, ער גיט אונז טוב וחסד, רחמים וחסדים, און ער גיט אונז נאר וואס מיר קענען פארטראגן**. מיר טוען תשובה, און דער אייבערשטער באשאפט אונז גראד פריש. מיר זענען נייע מענטשן, דאס אלטע איז מער נישט דא.

אזוי טרייסט אונז דער אייבערשטער. די אמונה פשוטה פון די נביאים וואס האבן אונז דאס נביאות געזאגט, דאס גלייבן מיר מיט אן אמונה פשוטה. "ועתה כה אמר ה' בוראך יעקב ויוצרך ישראל" – דער אייבערשטער באשאפט אונז פריש, חדשים לבקרים. א פרישקייט, אן התחזקות. "מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך", "שלא עשני גוי", "שעשה לי כל צרכיי" – אלעס יעדן טאג פריש, מיט א פרישקייט, הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער. איי, וועסטו פרעגן: וויאזוי קען מען פארגעסן פונעם עבר? ס'איז נישטא וואס צו געדענקען! דער אייבערשטער האט עס געמאכט, און דער אייבערשטער טוט נאר גוטס מיט מיר, שטענדיג נאר גוט און נאר לויט וויפיל כח איך האב. איך בין שוין א נייער מענטש, און אלע איבעריגע מחשבות זענען פונעם יצר הרע. גיי דיר, יצר הרע, איך וויל מיט דיר גארנישט האבן.

## דער לימוד פונעם בלינדן מענטש מיט די לאנטערן

אין ספר "מאיר עיני הגולה" ברענגט ער, אז אין די יונגע יארן איז דער הייליגער רבי שמחה בונם פון פשיסחא געווען א סוחר און ער איז געפארן קיין דאנציג. פארשטייט זיך אז דאס גאנצע פארן איז געווען תורה, עבודה און עבודת השם. דער רבי ר' בונם האט זיך אסאך געלערנט, און ער האט געזען צווישן די סוחרים פון יעדע זאך ארויסצולערנען אן עבודת השם, א מוסר השכל.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איינמאל בייגאכט האט ער געזען, לא עלינו, א סגי נהור – איינער וואס זעט נישט מיט די אויגן רחמנא ליצלן – וואס גייט אין די פינסטערע גאסן און האלט א ברענעדיגע לאנטערן, א לאמפ אין די האנט. דער הייליגער רבי ר׳ בונם איז צוגעגאנגען און אים געזאגט: ״לא עלינו ולא עליך ולא על כל ישראל, דו זעסט דאך ממילא נישט דאס ליכט, פאר וואס האלטסטו א לאנטערן אין די האנט? פאר וועם מאכסטו לעכטיג?״

האט דער בלינדער מענטש געענטפערט: ער זעט טאקע נישט, אבער ער טראגט דעם לאמפ כדי אנדערע מענטשן וואס גייען אויפן גאס און זעען יא ברוך השם, זאלן אים באמערקן און אים מעורר זיין: ״רוק דיך רעכטס, רוק דיך לינקס, גיי נישט אהין, דארט קען מען אראפפאלן אדער זיך אנקלאפן.״ ער מאכט לעכטיג אז מענטשן זאלן אים זען, כדי מען זאל אים קענען אנווייזן וואו יא און וואו נישט צו גיין.

## ממשיך זיין מיט די עבודה אפילו ווען עס איז פינסטער

האט דער הייליגער רבי ר׳ בונם געזאגט א מוסר השכל, א געוואלדיגער לימוד פאר יעדן איד אין עבודת השם: **אפילו ווען א מענטש שפירט ביי זיך אז ער איז, לא עלינו, אין פינסטערניש און ער זעט נישט קיין לעכטיגקייט, נישט אין רוחניות און נישט אין גשמיות – גיי ווייטער אן מיט דער תורה, גיי ווייטער אן מיט די מצוות, טו ווייטער מעשים טובים, דאווען ווייטער און טו אלעס אזוי ווי מען דארף. ווייסטו פארוואס? כדי דו זאלסט נישט מכשול זיין אנדערע מענטשן, און דו זאלסט אפהיטן אנדערע פון געשטרויכלט ווערן, און אזוי וועלן אנדערע מענטשן דיך אפהיטן פון ווערן געשטרויכלט.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נאכלאזן איז זיכער א שטרויכלונג. נאכלאזן און אויפגעבן איז זיכער אן עוולה, און אסאך מאל אפילו אן עבירה; עס ברענגט זיכער צו עבירות. מה שאין כן אויב דו גייסט ווייטער אן, דו מאכסט לעכטיג אפילו ווען דו שפירסט נישט קיין לעכטיגקייט. דו דאוונסט געשמאק, דו לערנסט געשמאק, דו טוסט מצוות ומעשים טובים מיט א געשמאק, **דו האסט א פנים מאירות׳דיגע פנים, דו לעבסט אין אשב״ש – אמונה, שלום, בטחון און שמחה, ״אני שמח בחלקי״ – דו לעבסט און ברענגסט אריין א לעכטיגקייט אין דער וועלט**. וואס גייסטו אויפטון? ווייל אויב א מענטש שטרויכלט זיך, קען ער יענעם אויך מיטשלעפן. אבער אז א מענטש מאכט לעכטיג פאר זיך, מאכט ער לעכטיג פאר יענעם, און ער פארדינט אז ער באקומט עס צוריק פון יענעם – יענער היט אים אפ ער זאל נישט פאלן. דאס איז דער כח הרבים, דער כח האחדות, דער כח פון השפעה וואס איין איד האט אויפן צווייטן.

מיר דארפן שטענדיג לעכטיג מאכן, אנהאלטן א לעכטיגקייט און א פנים מאירות, אשב״ש. אנהאלטן אן אהבת התורה, אהבת המקום און אהבת ישראל. ליב האבן דעם אייבערשטן, ליב האבן זיך אליין און ליב האבן די וועלט. האלט אן א לעכטיגקייט, שיין מיט א לעכטיגקייט, און עס וועט צום סוף זיין פאר דיר א גרויסע טובה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פלאי פלאים׳דיגע מאמרים פון די צדיקים קדושים וטהורים

## די שמחה פון אמונה ביי שווערע יסורים

עס איז איינמאל געווען ביי איינעם פון די בני משפחה פון ר׳ נטע צענווירט, וואס האט געדארפט כסדר דורכגיין שווערע פראצעדורן אין שפיטאל פאר זיין רפואה. די פראצעדורן זענען געווען זייער שווער, און עס איז געווען שווער פארן חולה צו טראכטן אז ער גייט יעצט נאכאמאל דורכגיין די ביטערע יסורים און די שוואכקייט וואס קומט דערנאך. ער איז ממש דורכגעגאנגען א פחד נורא פון יסורים און שוועריגקייטן.

די עלטערן זענען געקומען צו א מצב און באשלאסן אז זיי קענען נישט זיין דארט אינאיינעם מיט זייער קינד. זיי קענען עס נישט אויסהאלטן, זיי קענען עס נישט צוקוקן, זיי קענען אים נישט באגלייטן צום פראצעדור, זיי קענען אים נישט אפווארטן, און זיי קענען פשוט נישט זיין דערביי. מען האט געזוכט צווישן די בני משפחה, אבער צוביסלעך איז עס געווארן אלס שווערער און מער אנגעשטרענגט. די גאר נאנטע האבן ווייטער נישט געקענט, זיי האבן עס נישט געקענט אויסהאלטן – נישט דער זיידע, נישט די באבע, נישט די ברידער און נישט די שוועסטער. עס איז געווארן זייער, זייער שווער.

יעצט האט מען געזוכט אנדערע קרובי משפחה, און מען האט געטראפן צוויי קוזינס, צוויי משפחה מיטגלידער וואס האבן זיך געשטארקט אז זיי גייען יא גיין. למעשה האבן זיי געהאט א גרויסן פחד: וויאזוי קען מען דאס צוקוקן? וואסערע ווערטער זאלן זיי זאגן פארן חולה? זיי זענען געווען זייער אנגעשטרענגט, אבער זיי זענען געגאנגען, ווייל מען קען אים דאך נישט לאזן אליין. זיי האבן מתפלל געווען און געבעטן פונעם אייבערשטן: ״זיי אונז חונן דעת, געב אונז די ריכטיגע ווערטער, געב אונז די כוחות און די מוח.״ און אזוי זענען זיי אריין אין שפיטאל.

## אויב מען וואלט געזען די חשבונות פונעם הימל וואלט מען געטאנצן

זיי קומען אריין צום חולה, און ער ליגט אין בעט רואיג און געשמאק. עס האט אויסגעזען כאילו מען גייט אים יעצט ברענגען א טאץ גאלדענע רענדלעך; אזוי רואיג, כאילו עס גייט יעצט גארנישט פארגיין. זיי האבן עס ממש נישט געקענט גלייבן. זיי האבן זיך אנגערופן: ״אנטשולדיגט פאר די שאלה, אבער מיר ווייסן אז דו גייסט יעצט אדורך א שווערן פראצעדור מיט קשה׳דיגע יסורים. מיר ווייסן אז יעדעס מאל ווען דו קומסט ארויס פון די פראצעדורן זענען די יסורים אומדערטרעגליך און שרעקליך. וואס איז דא געשען? דו ליגסט אזוי אין בעט מיט א שמייכל און מיט אן אמת׳דיגער אינערליכער רואיגקייט.״

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

האט ער געענטפערט אז ר' נטע צענווירט, וואס איז אויך געווען פון די משפחה, איז אריבערגעקומען און אים געזאגט אזוי: "שטעל דיר פאר דו קוקסט ארויף אין הימל און דו זעסט ווי אלע זיבן הימלען עפענען זיך אויף, אלע טויערן עפענען זיך, און דו קענסט קוקן ארויף צום בית דין של מעלה כביכול. דו זעסט דארט אין הימל וויאזוי עס זעט אויס – אלע יסורים, דער גאנצער צער און די עגמת נפש וואס דו ביסט דורכגעגאנגען פון ווען דו ביסט געבוירן ביז די יעצטיגע רגע. דו זעסט ווי אלעס איז אפגעמאסטן און אפגעוואויגן, אלעס גייט צו מיט אזא פונקטליכקייט בהשגחה פרטית: וויפיל יסורים, פארוואס די יסורים, וואו און ווי לאנג. אלעס וואס דו גייסט אדורך ווערט דארט אפגעמאסטן, אפגעוואויגן, אראפגעשריבן און אויסגערעכנט. דערנאך גייסטו זען אלע תיקונים וואס דו מאכסט דורך דעם – תיקונים פון פריער, תיקונים פון יעצט, און תיקונים אויפן עתיד. דו גייסט אלעס זען און פארשטיין קלאר און פונקטליך.

**וואס וואלסטו יעצט געטון? דו וואלסט זיך אויפגעשטעלט און געטאנצן! דו וואלסט געגעבן שבח והודאה מיט התרגשות און שמחה, ווייל דו האלטסט מיט וואס דא טוט זיך, ווי גוט דאס איז** פאר דיר, וואספארא טובה און ברכה דאס ברענגט, וואספארא מדרגות דו קויפסט דא איין, און וואספארא תיקונים דו מאכסט אלץ. ממילא, אז די הימלען זענען פארמאכט און מען זעט נישט, דערפאר איז מען אזוי טרויעריג; אבער אז מען טראכט דערפון, מען רעדט דערפון און מען גלייבט דעריין, ווערט מען בשמחה." דער חולה זאגט אז דאס זענען געווען אזעלכע תמימות'דיגע דיבורים היוצאים מן הלב, אז עס איז אריין אין אים און ער האט אנגעהויבן שפירן א שמחה, אמונה, בטחון און אן אינערליכע רואיגקייט. ער האט מער קיין פחד נישט געהאט, נישט קיין בלבולי מחשבות; ער איז געווען רואיג, באקוועם, פריילך און לוסטיג.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז וויאזוי א איד דארף זיך בארואיגן. מיר קענען נישט די הימלישע חשבונות, "הנסתרות לה' אלוקינו", אבער מיר גלייבן מיט אן אמונה פשוטה אז ווען מיר וואלטן געזען, וואלטן מיר נישט נאר מסכים געווען, נאר מיר וואלטן עס געוואלט און געמאכט א סעודת שמחה והודאה פאר דעם וואס דער אייבערשטער האט אויסגעוועלט פאר מיר אדורך צו גיין די אלע זאכן. די גרעסטע שוועריגקייטן וואס מען קען זיך יא אדער נישט פארשטעלן, וואס זעט אויס נארמאל אדער נישט נארמאל, בדרך הטבע אדער שלא בדרך הטבע – אלעס איז בהשגחה פרטית אנגעשריבן, אפגעמאסטן און אפגעוואויגן, און אלעס דארף אונז אריינברענגען אין שמחה.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? געוואלדיג! אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען זוכה צו ברענגען בכוח הרבים ובזכות הרבים אזעלכע שיינע דברי חיזוק, געוואלדיגע מעשיות, התפעלות'דיגע דיבורים און מאמרים מפי ספרים וסופרים פון אונזערע צדיקים. "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" – דורך דעם וואס מען פארציילט עס און מען רעדט דערפון, גיסט דאס אריין אין אונזערע רמ"ח איברים ושס"ה גידים דעם כוח צו זיין אן ערליכער איד, א הייליגער איד און א תורה'דיגער איד. זאל עס פועלן אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד אמן כן יהי רצון

## די הארבקייט פון זיך באנוצן מיט א טאטן

כיבוד אב ואם, צען מינוט, די פינף און דרייסיגסטע שיעור, בסיעתא דשמיא.

הגאון רבי חיים קניבסקי זכרונו לברכה האט דערציילט, אז ער האט געענדיגט שרייבן דעם ספר "השם אורחותיו", וואס דאס זענען הגהות אויפן ספר "אורחות חיים", און עס איז שוין געווען גרייט צו גיין צום דרוקער. אבער היות ער האט דעמאלטס נישט גוט געשפירט און איז געלעגן אין בעט, האט ער עס נישט געקענט אליין טראגן צום דרוקער. זיין טאטע, דער סטייפלער גאון זכרונו לברכה, איז אים געקומען מבקר חולה זיין. אינמיטן שמועסן האט דער סטייפלער דערציילט פאר זיין זון ר' חיים, אז ער האט יעצט געענדיגט איינע פון זיינע ספרים און ער גייט עס טראגן צום דרוקער. ר' חיים האט אים דערציילט אז ער האט אויך געענדיגט א ספר, נאר ער קען עס יעצט נישט טראגן צום דרוקער, אבער ער וועט עס טראגן שפעטער. האט אים דער טאטע געזאגט אז היות ער גייט סייווי, זאל ער אים געבן די כתבים און ער וועט עס טראגן צום דרוקער. און אזוי האט ער טאקע געטון; דער סטייפלער האט געטראגן זיין אייגענעם ספר צוזאמען מיט זיין זון'ס ספר צום דרוקער.

פלא והפלא, דער ספר פונעם סטייפלער איז געדרוקט געווארן נארמאל אין צייט, אזוי ווי מען איז געווען צוגעוואוינט, מה שאין כן ביי רבי חיים קניבסקי'ס ספר האט זיך עפעס נישט אויסגעארבעט דאס דרוקן, און עס האט גענומען א יאר. איינמאל האט ער דערציילט פאר זיין טאטן, דעם סטייפלער, אז דער ספר "השם אורחותיו" ארבעט זיך עפעס נישט אויס, עס מאכן זיך אלץ מניעות און עיכובים, און עס איז שוין אריבער א לאנגע צייט און עס ווערט נאך אלץ נישט געדרוקט. האט אים דער טאטע געזאגט: "יא, ווייל דו האסט זיך משתמש געווען מיט א טאטן; דו האסט געשיקט די כתבים מיט'ן טאטן." האט רבי חיים געזאגט פאר זיין טאטן אז ער האט דאך נישט געבעטן, נאר דער טאטע אליין האט אים געבעטן ער זאל עס אים געבן. האט אים דער סטייפלער גאון געענטפערט: "זעט אויס אז דו וואלסט עס נישט געדארפט געבן, ווייל מיט א טאטן באנוצט מען זיך נישט."

### דער יסוד אין די גמרא און די הנהגה פונעם חזון איש

דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל וואס דאס מיינט כיבוד אב ואם. די גמרא זאגט דאך אין מסכת קידושין (דף ל"א עמוד ב'), אז רבי יעקב ברבי אביהו האט געפרעגט פון אביי: ווען ער קומט אהיים פון בית המדרש און דער טאטע גיט אים א גלעזל צו טרינקען, און די מאמע גיסט אים אויך אן א גלעזל, פון וועמען זאל ער עס נעמען פריער? האט ער אים געזאגט: נעם פון די מאמע און נישט פונעם טאטן, ווייל וויבאלד דער טאטע איז א בר תורה,

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

וועט ער האבן חלישות הדעת. כאטש ער גיט עס פון זיך אליין, וועט ער פונדעסטוועגן האבן חלישות הדעת אז דו באנוצסט זיך מיט א טאטן וואס איז א בן תורה. אזוי שטייט אין די גמרא.

רבי חיים קניבסקי זכרונו לברכה האט דערציילט, אז איינמאל ווען ער איז אהיימגעקומען פון ישיבה, האט זיין טאטע אים געמאכט א טיי, און דער חזון איש האט אים געזאגט ער זאל עס נישט טרינקען, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא אין קידושין. לכאורה איז שווער אויף די גמרא: אויב דער טאטע גיט עס פארן זון, איז דאך פשט אז ער איז מוחל און ער טוט עס מרצונו הטוב, טא פארוואס זאל נישט העלפן די מחילה פונעם טאטן אויף כיבוד אב ואם? אלא מאי, זאגט דער חזון איש, ווייל ער איז נישט מוחל בלב שלם נאך אלע מעשיות. די תורה האט אוועקגעשטעלט אז א קינד דארף מכבד זיין דעם טאטן, און נישט א טאטע זאל מכבד זיין זיין קינד.

## די אויסערגעווענליכע התבטלות פון הגה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ

מען דערציילט אויף רבי יחזקאל'ע מערץ זכר צדיק וקדוש לברכה, אז נאכ'ן קריג, ווען ער האט געוואוינט אין פעסט, פלעגט ער יעדן טאג באזוכן זיין מאמע מקיים צו זיין מצות כיבוד אב ואם. זי פלעגט אים שטענדיג געבן א גרויסן גלעזל סאדא וואסער און זאגן: "חזקאל'ע, איך בעט דיר, טרינק עס אויס." אפילו ווען ער האט נישט געקענט טרינקען אזוי פיל, האט ער זיך איבערגעשטרענגט אויסצוטרינקען דעם גאנצן גלעזל, נאר ווייל די מאמע האט אים געבעטן.

מען האט דערציילט, אז ווען ער פלעגט פארבייגיין די שטוב פון זיינע עלטערן, פלעגט ער אריינגיין אפילו נאר אויף עטליכע מינוט. ער האט געזאגט אז אזוי ווי עס איז דא א הלכה אין שולחן ערוך אז ווען מען גייט אדורך א בית הכנסת דארף מען אריינגיין, אזוי האט ר' יחזקאל'ע גע'פסק'נט ביי כיבוד אב ואם, אז ווען מען גייט אריבער די טיר פון די עלטערן'ס הויז, דארף מען אריינגיין מקיים זיין די מצוה, פונקט ווי ביי א בית הכנסת.

און מען דערציילט ווייטער, אז איינמאל האט ער געוואלט פארן קיין פוילן צו די מקומות הקדושים, און ער האט עס דערציילט פאר זיין טאטן. האט אים דער טאטע געזאגט: "דו ביסט דאך שוין געווען פאראיאר, היי יאר זאלסטו לאזן דיין זון, הגה"צ רבי חיים זכרונו לברכה, אז ער זאל פארן." בעצם וואלט אים דאס געדארפט באדערן, ווייל ער האט זייער שטארק געוואלט פארן און ער האט געהאט זיינע הויכע ענינים און סוד ה' ליראיו פארוואס ער דארף פארן. אבער אז דער טאטע האט אים געזאגט ער זאל נישט פארן און זיין זון זאל יא פארן, דארף מען אזוי טון. און דא רעדט מען פון רבי יחזקאל'ע מערץ, וואס איז שוין דעמאלטס געווען אן איש גדול בישראל, און זיין טאטע זאגט אים "דיין זון גייט פארן". איר פארשטייט וואס דא טוט זיך? אן קיין שום קווענקל אדער א ווארט, ער האט אפילו נישט פרובירט משכנע צו זיין דעם טאטן. דער טאטע האט געזאגט אז דער זון זאל פארן, פארט דער זון. דאס איז כיבוד אב ואם – אן מאכן אפילו די מינדעסטע תנועה פון אומצופרידנקייט, הפלא ופלא.

## מקיים זיין די מצוה פונקטליך לויט די ווערטער פונעם טאטן

עס האט דערציילט א איד וואס איז געבוירן געווארן אין בריסק, אז איינמאל האט ר' חיים בריסקער געשיקט זיין זון, דעם גרי"ז, ער זאל גיין אין פאסט קויפן א שטעמפל (סטעמפ), עס ארויפלייגן אויף א קאנווערט וואס ר' חיים האט אים געגעבן, און עס ארויסשיקן. אויפ'ן וועג האט אים געטראפן א איד און געזאגט אז ער האט א שטעמפל ביי זיך אין טאש און ער קען עס אים געבן. האט דער גרי"ז געזאגט: "בשום אופן נישט." פארוואס? ווייל דער טאטע האט געהייסן גיין קויפן א שטעמפל אין פאסט און עס משלח זיין, דארף מען דאס מקיים זיין מיט די פונקטליכע ווערטער וואס דער טאטע האט געהייסן, ווייל דאס איז די מצוה פון כיבוד אב ואם. ער האט נישט געקוקט אויפ'ן תכלית אז דער קאנווערט זאל אנקומען אין פאסט, נאר ער האט פארשטאנען אז ווען מען איז מקיים כיבוד אב ואם פונקטליך לויט די אנווייזונגען פונעם טאטן, איז יעדע קליינע תנועה א מצות עשה דאורייתא, הפלא ופלא.

## דער רוף פונעם טאטן איז העכער אלעס

לאמיר זיך אריינטראכטן אין די מעשיות וואס מיר האבן יעצט דערציילט. עס זענען דא אזוי פיל מעשיות פון די פריערדיגע צדיקים וועגן די עצומות'דיגע כוחות וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין די מצוה פון כיבוד אב ואם. מען דערציילט אויפ'ן פריערדיגן בעלזער רב, הגה"ק רבי אהרן זצוק"ל, אז ווען זיין טאטע רבי ישכר דוב זצוק"ל האט נאך געלעבט, איז איינמאל יום טוב ביי די סעודה דער טאטע באמערקט אז רבי אהרן איז נישט דארט. האט ער געפרעגט וואו ער איז, און מען איז שנעל געלאפן זאגן פאר רבי אהרן אז דער טאטע פרעגט נאך אים. ער איז גלייך געקומען גרייט צו די סעודה. יום טוב הייבט מען דאך אן די סעודה מיט קידוש, און ער איז שוין געווען גרייט. האט אים רבי ישכר דוב געפרעגט צי ער האט שוין געדאווענט מעריב. האט ער געענטפערט אז ניין. פרעגט ער אים: "און דו ביסט שוין גרייט אויף קידוש?" האט ער געזאגט: "וואס הייסט? דער טאטע רופט!" עס איז ביי אים נישט געווען קיין שאלה; מעריב אדער קידוש, אז דער טאטע רופט, מוז מען זיין גרייט.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת כי תבוא יד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איך פסקין נישט יעצט קיין שאלה און איך וויל נישט אריינגיין אין דעם הלכה'דיגן חלק דערפון, אבער דאס איז א מעשה שהיה. וואס ער וואלט געטאן למעשה ווייס איך נישט; אפשר האט ער זיך פארלאזט אויף דעם אז דער טאטע האט רוח הקודש און דער טאטע ווייסט, וואס אויף דעם קען זיך נישט יעדער פארלאזן. בכל אופן זעט מען מיט וואסערע אימה ופחד, וואסערע יראה און כבוד אונזערע פריערדיגע ערליכע אידן, צדיקים וגדולים, האבן געהאט פאר די מצוה פון כיבוד אב ואם.

## כיבוד אב ואם אלס א ענין פון פיקוח נפש

מען זאגט אויך איבער אז רבי חיים קאניעווסקי זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט פאר איינעם ער זאל וויסן אז כיבוד אב ואם איז פיקוח נפש, ווייל עס שטייט "למען יאריכון ימיך", און רש"י זאגט וואס עס פאסירט חס ושלום ווען מען איז נישט מקיים כיבוד אב ואם. קומט דאך אויס אז ווען מען איז מקיים כיבוד אב ואם, לייגט מען צו צום לעבן. איז יעדע מאל וואס מען קען מקיים זיין כיבוד אב ואם און צולייגן צום לעבן, אויב חלילה וחלילה מען איז נכשל אדער מען פארנאכלעסיגט עס, איז דאס א שאלה פון פיקוח נפש. אזוי האט געזאגט ר' חיים קאניעווסקי זכרונו לברכה.

# אונזער פליכט זיך אריינצולייגן אין לערנען די מצוה

הייליגע טייערע קינדער, אונזער עבודת הקודש איז זיך אריינצולייגן אין די מצוה. מען דארף לערנען חז"ל, מוסר, חסידות, און סיפורי צדיקים איבער דעם ענין פון כיבוד אב ואם. עס לוינט זיך צו קויפן יעדן ספר וואס איז דא פון אן ערליכן איד וואס האט געדרוקט איבער כיבוד אב ואם און עס דורכלערנען פון דעקל צו דעקל. ווי מער מען לערנט עס, אלץ מער קען מען עס היטן און אויספירן למעשה, "למען לשמור ולעשות ולקיים".

מען דארף פארלערנען אין שטוב כיבוד אב ואם, מען דארף עס לערנען אין די כוללים, אין די ישיבות, אין די חדרים, און אין די מיידל שולעס. מען דארף פארלערנען פון די ספרים, מען דארף עס דרוקן אויף אלע שפראכן; מען דארף בענקען דערצו, מען דארף עס ליב האבן, מען דארף וועלן מקיים זיין כיבוד אב ואם, און מען דארף עס טאן מיט געפיל, מיט הארץ, מיט ליבשאפט, מיט מורא, מיט כבוד, און מיט מסירות נפש. הצלחה וברכה און סיעתא דשמיא.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערש"ק פרשת כי תבוא טו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## א גוט מארגן און א לעכטיגן ערב שבת קודש

א גוט מארגן, פרייטאג ערב שבת קודש פרשת כי תבוא, ט"ו אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ערב שבת קודש; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן שבת קודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן "תמיד".

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער: "מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך". טאטע, איך דאנק דיר און איך לויב דיר! מיר גייען יעצט לערנען א שיעור. **ס'איז גוט, ס'איז געווען גוט, ס'איז גוט, ס'וועט זיין גוט, און ס'איז נאר דא גוט**. ס'איז נישטא קיין רע בעולם, ס'איז נאר דא טוב. "טוב ה' לכל" – פאר יעדן איינעם – "ורחמיו על כל מעשיו". דער אייבערשטער גיט רחמים וחסדים אויף אלע זיינע באשעפענישן; קיינער איז נישט קיין יוצא מן הכלל.

## די השפעה פונעם ספר "מנוחה שלימה"

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר הערן צוריק פון זייער אסאך משפחות – קינדער, בחורים, מיידלעך, יונגעלייט און אפילו עלטערע מענטשן – וואס האבן ביי זיך איינגעהיים דעם ספר "מנוחה שלימה", אז עס ברענגט אריין א געוואלדיגן אור און א לעכטיגקייט אין שטוב. דער ספר "מנוחה שלימה" איז דאך מפי ספרים וסופרים וצדיקים, וויאזוי זיי האבן אוועקגעשטעלט יסודות אז א מענטש זאל קענען לעבן לוסטיג, פרייליך און לעכטיג.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויב איר האט עס שוין, לערנט עס איבער נאכאמאל, ובפרט פאר די הייליגע טעג ווען מען דארף אזויפיל חיזוק אויף אור לעכטיגקייט. אויב איר האט עס נאך נישט, קויפט עס; עס לוינט זיך עס צו האבן אין א אידישער שטוב. קויפט עס אלס מתנות פאר בר מצוה בחורים, פאר בת מצוה מיידלעך, פאר עלטערן, און פאר זיידעס און באבעס. עס לוינט זיך! מיר הערן צוריק פון מענטשן א געוואלדיגן אפקלאנג וויאזוי עס טוישט דעם מחשבה, דיבור ומעשה; עס טוישט לעבנס און שטובער צו לעבן פרייליך, לעכטיג און גליקליך. "מנוחה שלימה שאתה רוצה בה" – די ריכטיגע מנוחה וואס דער אייבערשטער וויל, וואס די תורה וויל, און וואס אידישע קינדער ווילן. "אתה אחד ושמך אחד, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## פרשת ביכורים: אנערקענען און דעם באשעפער אין די הצלחה

דער הייליגער "ישמח ישראל" זאגט די וואך אין די פרשה, ביי די פרשה פון ביכורים זאגן מיר: "ארמי אובד אבי וירד מצרימה". לבן הארמי האט געוואלט, חלילה וחס, אוועקליגן יעקב אבינו מיט זיינע קינדער, און דערנאך זענען מיר אנגעקומען קיין מצרים. פרעגט דער "ישמח ישראל": א איד איז דאך יעצט מקיים א מצוה, ער ברענגט ביכורים, ער דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אז ער האט פעלדער און וועלדער און ברוך השם עס וואקסט גוטע פירות און תבואה – ווי קומט דא אריין לבן? ווי קומט דא אריין יציאת מצרים? מען רעדט דאך דא פון דאנקען דעם באשעפער אויף די גוטע זאכן, וואס האט דאס א שייכות אהער?

אויף דעם ענטפערט דער הייליגער "ישמח ישראל" בקדושתו ובטהרתו: ווען אידישע קינדער זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, פון וואו זענען זיי געקומען? פון דעם מדבר. פערציג יאר אין מדבר האבן זיי גארנישט געדארפט ארבעטן אין די פעלדער; זיי האבן באקומען דעם מן, די קליידער זענען געווארן אויסגעוואשן דורך די ענני הכבוד און האבן מיטגעוואקסן מיט זיי. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי פלוצלינג געדארפט ווערן פעלד-ארבעטער; מען האט זיך געדארפט נעמען אקערן, זייען, שניידן און דרעשן. האט דער הייליגער באשעפער רחמנות געהאט אויף אידישע קינדער און נישט געוואלט, חלילה, אז זיי זאלן אריינפאלן אין א נסיון צו מיינען אז אלעס גייט בדרך הטבע – אז "אויב איך ארבעט, האב איך", "כחי ועוצם ידי", כאילו איך טו עפעס אויף די וועלט. האט דער באשעפער געזאגט: **די ערשטע פירות זאלסטו ברענגען קיין ירושלים עיר הקודש, אין בית המקדש, כדי דו זאלסט אויסשרייען פאר דיר און פאר די גאנצע וועלט: "לה' הארץ ומלואה"**. אלעס קומט פונעם אייבערשטן מיט א השגחה פרטית, אלעס ווערט באשאפן דורך זיין השפעה, און אלעס איז זיינס; מיר טוען גארנישט אליין.

כדי אונז דאס צו דערמאנען, האט דער באשעפער געהייסן זאגן די ווערטער "ארמי אובד אבי". "ארמי" איז דער יצר הרע. "אבי" איז א לשון פון רצון, פון ווילן. דער יצר הרע וויל קאליע מאכן און אוועקנעמען די אמונה פון א אידיש קינד; ער וויל מען זאל אויפהערן גלייבן אז נאר דער אייבערשטער איז דער מנהיג און דער משגיח, און אז עס איז נישטא קיין שום אנדערע כח בעולם חוץ אים, "אין עוד מלבדו". כדי מיר זאלן נישט אריינפאלן אין די נעץ פונעם יצר הרע, זאגן מיר "וירד מצרימה" – מיר דערמאנען זיך אז דער באשעפער האט אונז גענומען קיין מצרים און אונז ארויסגענומען משם באותות ובמופתים, צו ווייזן אז "אשר לו הכח והממשלה, ואתה מושל בכל, ובידך כח וגבורה, ובידך לגדל ולחזק". אלעס קומט פונעם אייבערשטן, און נאר ער האט די כוחות. "ארמי" – דער יצר הרע, "אובד" – וויל מאכן פארלירן "אבי" – מיינע רצונות צו דינען דעם באשעפער און מיין אמונה אין אים. דעריבער דערמאנט מען שנעל "וירד מצרימה", אז דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון דארט בכח גדול וביד חזקה.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערש״ק פרשת כי תבוא טו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## אונזערע ״ביכורים״ אין די היינטיגע צייטן

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער: איר ווייסט, מיר האבן היינט נישט קיין ביכורים, מיר האבן נישט דא אין חוץ לארץ קיין תרומות ומעשרות, מיר האבן נישט קיין בית המקדש און נישט קיין קרבנות. וויאזוי שרייען מיר, גלות-אידן, אויס די אמונה פשוטה? וויאזוי שרייען מיר אויס אז דער אייבערשטער איז דער משגיח און מנהיג, און מיר זענען גארנישט? מיר טוען גארנישט און מיר מאכן גארנישט; מיר זענען זיך מבטל און מיר זענען נכנע אונטער דעם בורא כל עולמים, דעם כל-יכול, דעם ״אין עוד מלבדו״. איר ווייסט וואו מען טוט דאס? **ווען אידישע קינדער גייען אדורך שוועריגקייטן, ווען זיי מוטשענען זיך מיט יסורים אדער עגמת נפש, אדער פארקערט – ווען זיי זענען זוכה צו גרויסע השפעות פון פרנסה, קינדער, געזונט און נחת. אין ביידע פעלער, ווען א איד שרייט ארויס: ״אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים״ – דאס איז אונזערע ביכורים! ס׳איז גוט, ס׳איז געווען גוט, און ס׳וועט זיין גוט.**

דאס זענען אונזערע תרומות ומעשרות און אונזערע קרבנות. דא שרייען מיר אויס: הייליגער טאטע, הייליגער מלך, דו פירסט די וועלט און מיר טוען גארנישט. **קוק אונזער שמייכל, קוק אונזער רואיגקייט און פרייליכקייט, און דעם טראסט וואס מיר האבן אין דיר. קוק אונזער פנים מאירות, אונזער אמונה, שלום, בטחון און שמחה – אונזער ״אשב״ש״, אונזער ״אני שמח בחלקי שלי״. מיט דעם שרייען מיר אויס אז עס איז נאר דא איין באשעפער אויף די וועלט**, און דאס איז דער עול מלכות שמים וואס מיר גייען אויסשרייען אין די צוויי הייליגע טעג פון ראש השנה. אום צווייטן טאג ראש השנה גייען מיר דאס אויסבלאזן מיט׳ן שופר; מיר גייען אויסרופן מיט שמחה און מיט שטאלץ אז אלעס טוט דער אייבערשטער, און דאס איז וואס מאכט אונז פרייליך.

## די געוואלדיגע ישועה פונעם כתב סופר: אמונה העכער השתדלות

ס׳איז דאך באקאנט די מעשה מיט׳ן הייליגן כתב סופר. עס איז געווען איינער פון די עשירים אין פרעשבורג, אין די צייטן ווען דער הייליגער כתב סופר האט דארט געדינט אלס רב. איין טאג איז דער משרת פון דעם עושר געגאנגען אין גאס, און ער האט דארט געטראפן א בייטל געלט וואס איז אראפגעפאלן פון א פערד און וואגן פון איינע פון די פריצים. ער האט עס שנעל געכאפט און אפגעטראגן פון דארט. שפעטער, ווען דער גרויסער שר, דער גרויסער פריץ, האט באמערקט די אבידה, האט ער מחליט געווען אז ער וועט נישט רוען ביז ער געפינט דעם בייטל. ער האט געוואוסט אז עס איז נישט לאנג צוריק פארלוירן געגאנגען און ער קען עס נאך טרעפן, האט ער שנעל ארומגעשיקט די פאליציי צו גיין פון הויז צו הויז אין פרעשבורג און זוכן דעם בייטל.

אזוי ווי דער גוי, דער משרת, האט געזען אז מ׳האלט אים ביים כאפן – ער איז דאך געווען א משרת ביי דעם אידישן עושר – האט ער שנעל אראפגעלייגט דעם בייטל דארט אין שטוב און איז ווייטער געגאנגען. נו, אז די פאליציי איז אנגעקומען, האבן זיי עס געפינט, און זיי האבן תיכף געבונדן דעם עושר הענט און פיס. זיי האבן אים געקייטלט און תיכף פסק׳ינט זיין משפט אז מ׳גייט אים הענגען, רחמנא ליצלן, דער אייבערשטער זאל אונז שטענדיג היטן.

דער הייליגער כתב סופר האט געקענט דעם איד און האט געוואוסט אז ער האט עס נישט גע׳גנב׳עט. ער האט נישט געדארפט דאס געלט, און ער איז בכלל נישט געווען פון דעם סארט מענטש צו גנב׳ענען, בפרט נישט פון א גרויסן שר; ער איז פשוט נישט קיין גנב. דער הייליגער כתב סופר איז אראפגעפארן קיין בודאפעסט פרובירן צו זען וואס ער קען טון, קלאפנדיג אויף די הויכע טירן און פענסטערס, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן. דער גזר דין איז שוין געווען פארחתמ׳עט און ס׳איז נישט געווען וואס צו טון. דער הייליגער כתב סופר איז צוריק אהיימגעקומען אינגאנצן צובראכן און האט זיך געזעצט וויינען. א איד אין שטאט גייט מען הענגען על לא דבר, אויף א ליגן, און ער אלס רב קען גארנישט העלפן; ער איז געווען שטארק דערשלאגן.

אינמיטן וויינען איז ער איינגעשלאפן. זיין הייליגער פאטער, דער חתם סופר, איז אים געקומען אין חלום און אים געזאגט מיט א בייזן פנים: ״איינעם פון די קהילה גייט מען מארגן חלילה הענגען, און דו שוויגסט?״ דער כתב סופר האט זיך צעוויינט: ״טאטע, איך האב דאך געטון אלעס וואס איך קען! וואס האב איך נישט געטון? וואס נאך קען איך טון?״

**האט אים דער הייליגער חתם סופר געענטפערט: ״האסט געזען אז די השתדלות העלפט נישט? האסט געזען אז א בשר ודם קען שוין גארנישט טון? איז דאך א סימן אז נאר דער אייבערשטער קען העלפן! יעצט דארף מען זיך נעמען דאווענען און שרייען צום אייבערשטן: ׳טאטע, קיינער קען נישט העלפן נאר דו!׳ דאס איז וואס פעלט יעצט אויס.״**

דער הייליגער כתב סופר האט זיך תיכף אויפגעכאפט. ער האט געשיקט די שמשים און גבאים אויפוועקן די גאנצע שטאט – אנשים, נשים וטף – יעדער וואס קען זאל קומען אין בית המדרש. דער הייליגער כתב סופר האט געזאגט א התעוררות דרשה מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט און אויפגעשטורעמט דעם עולם **מ׳זאל שרייען און דאווענען מעומקא דלבא: ״קיינער קען גארנישט טון, נאר דער אייבערשטער! א בשר ודם קען נישט, אבער דער כל יכול קען.״ יעדער האט זיך געווענדעט צום אייבערשטן מיט אמונה און אן אפן הארץ, אנערקענענדיג אז נאר דער באשעפער קען העלפן.**

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערש״ק פרשת כי תבוא טו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

די תפילת רבים און די געוואלדיגע התעוררות פון אמונה, בטחון און כבוד שמים האבן געמאכט א רושם אין הימל. דעם נעקסטן טאג האט דער שופט פלוצלינג מחליט געווען אז עס איז דא איינער וואס מ'האט נאכגעשיקט אויסגעפארשט – דאס איז דער משרת פון דעם בעל הבית. פארוואס איז אים דאס פלוצלינג ביי'געפאלן נאכדעם וואס אלעס איז שוין געווען פארטיג? קיינער ווייסט נישט. אבער מיר אידן ווייסן יא, ווייל אלעס איז אין דעם אייבערשטנ'ס האנט. דער באשעפער פירט יעדנ'ס מחשבה, דיבור און מעשה. און יעצט, אזוי ווי אידישע קינדער האבן אויסגעשריגן "אין עוד מלבדו" מיט אמונה און תפילת רבים, האט דער אייבערשטער געגעבן שכל פאר'ן שופט ער זאל אויספארשן דעם משרת.

דער משרת איז שוין געווען רואיג, ווייל ער האט געמיינט אז מ'זוכט שוין נישט קיינעם, היות דער גזר דין קעגן זיין בעל הבית איז שוין געווען פארחתמ'עט. ער איז געווען זיכער ביי זיך. ווען מ'איז אים פלוצלינג געקומען נעמען צו אן אויספארשונג, איז ער געווארן שאקירט. ער האט זיך נישט געקענט באהערשן, ער האט שנעל אונטערגעבראכן און מודה געווען אויף אלעס. צום סוף איז דער משרת געהאנגען געווארן, און דער בעל הבית איז באפרייט געווארן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אונזער תפקיד דא אין גלות.

## זיך האלטן מיט אמונה אינמיטן דעם שווערן גלות

עס פארציילט א איד וואס איז גראטעוועט געווארן פונעם קריג צוזאמען מיט זיינע עלטערן; ער איז געבוירן געווארן פאר'ן קריג, און נאכדעם זענען זיי אנטלאפן קיין אמעריקע. דא אין אמעריקע האט די מאמע געבוירן נאך א קינד, און דאס קינד האט ליידער נישט גוט געשפירט. מ'האט געדארפט גיין צו א דאקטאר, אבער די מאמע האט נישט געהאט קיין געלט פאר די באן אדער פאר א טעקסי, וויאזוי מ'איז נאר ארומגעפארן אין יענע יארן. זי האט פשוט נישט געהאט קיין פרוטה. איז זי געגאנגען צופוס א וועג פון צוויי שעה. ווען זי איז אנגעקומען צום דאקטאר, איז די קליניק געווען צוגעשפארט פאר א מיטאג-פויזע. זי איז געזעסן דארט איינדרויסן, און די קינדער זענען געווארן הונגעריג און אפגעמוטשעט פון דעם לאנגן שפאציר און האבן זיך גענומען וויינען. די אידישע מאמע איז געווען אינגאנצן פארלוירן. מ'דארףווארטן נאך א שעה אויפ'ן דאקטאר, מ'זיצט אויף דער גאס, זי האט נישט וואס צו געבן צו עסן אדער טרינקען, און זי האט נישט קיין געלט אין טאש. האט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל און געזאגט: "הייליגער באשעפער, איך בין הונגעריג, איך וועל עס דורכמאכן, אבער וואס וועט זיין מיט דיינע קליינע קינדערלעך? דאס זענען דאך דיינע קינדער! הייליגער באשעפער, געב צו עסן פאר דיינע קינדער." ווי נאר זי האט געענדיגט די ווערטער, האט זי פלוצלינג באמערקט א דאלער ליגן ביי אירע פיס. אין יענע יארן איז א דאלער געווען גענוג צו קויפן עסן פאר זיך און פאר די צוויי קינדער, און עס איז נאך איבערגעבליבן רעשט אויף שפעטער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פארציילט דער איד וואס איז געווען אן אוד מוצל מאש, געראטעוועט פון די נאצישע נעגל, ימח שמם וזכרם. ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע, און די נסיונות זענען געווען גרויס, אבער די מעשה האט אים געגעבן דעם כח און דעם חיזוק צו קענען ביישטיין אלע אמעריקאנער נסיונות און אלע גלות נסיונות; ווייל ער האט געזען אז ווען א איד אנערקענט נאר דעם אייבערשטן, זעט מען אותיות ומופתים, נסים גלויים, רחמים וחסדים גלויים.

## דער ווארקער רבי: ארבעטן פאר'ן באשעפער דווקא ווען מען כאפט קלעפ

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אמאל האט דער הייליגער רבי איציקל ווארקער זכר צדיק וקדוש לברכה געפרעגט זיין זון רבי דוד: פארוואס איז ער אזוי נאכגעלאזט אין תורה און אין עבודה? עפעס זעט ער אן התרשלות. האט אים דער זון געזאגט: "טאטע, די קינדער שפירן נישט גוט, די פרנסה איז נישט גוט, די בני בית שפירט נישט גוט." ער גייט דורך זייער שווערע צייטן יעצט, דער קאפ איז נישט דא, און ער קען נישט לערנען און דאווענען אזוי ווי עס באדארף צו זיין, ווייל ער גייט דורך שוועריגקייטן.

האט דער הייליגער רבי איציקל ווארקער געענטפערט פאר זיין זון, אז ווען ער איז געווען דער בוכהאלטער ביי די גרויסע נגידה טעמערל, די ווייב פון רבי בערקע, וואו עס האבן געארבעט אסאך צדיקים און אסאך אידן, האט ער איינמאל געזען ווי דער ראש פון די ארבעטער שלאגט איינעם פון די ארבעטער. און בשעת ער האט אים געשלאגן, האט יענער ווייטער געארבעט און געשניטן תבואה. בשעת ער האט געכאפט די קלעפ, האט ער זיך נישט אפגעשטעלט, נאר ער האט ווייטער געארבעט. ער האט טאקע געוויינט, אבער וויינענדיגערהייט האט ער געארבעט, און נישט סתם פוילערהייט, נאר מיט א זריזות.

ווען דער הויפט איז אוועקגעגאנגען, האט ער געפרעגט דעם ארבעטער: "בשעת מען האט דיך געשלאגן, האסטו ווייטער געארבעט? דו האסט געוויינט, אבער דו האסט נישט סתם געארבעט, נאר מיט א זריזות. פארוואס ביסטו נישט געווארן אין כעס? און פארוואס האבן די יסורים דיך נישט צוריקגעהאלטן פון ארבעטן? פארוואס האסטו נישט געזאגט אז וויבאלד דו שלאגסט מיך, קען איך נישט ארבעטן?" – אזוי וואלט מען דאך היינט געזאגט!

**האט דער ארבעטער געענטפערט: "רבי איד, זייט נישט קיין שוטה. פארוואס שלאגט ער? ווייל איך בין געווען נאכגעלאזט אין די ארבעט. אז ער שלאגט, דארף איך מיך שנעל מזרז זיין און ארבעטן מיט מער שלימות, ארבעטן שנעלער און בעסער, כדי ער זאל אויפהערן שלאגן."**

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערש״ק פרשת כי תבוא טו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

האט דער הייליגער רבי איציקל ווארקער געזאגט: אלע יסורים און אלע שוועריגקייטן, אלע מניעות און אלע עכובים קומען דאך ווייל מען איז מתרשל בתורה ובעבודה. זאגסטו אז צוליב דעם גייסטו ווייטער מתרשל זיין? פארקערט, טאקע ווייל דו ביסט מתרשל געווען זענען די שוועריגקייטן געקומען.

ווען א מענטש גייט דורך שוועריגקייטן און יסורים בבחינת גוף, נפש, רוח ונשמה, ווען א מענטש האט שוועריגקייטן אויף וואס עס זאל נאר זיין, אדרבה ואדרבה, יעצט דארף מען דאוועגען, לערנען און זיין בשמחה. מען דארף הארעווען אויף פנים מאירות, הארעווען אויף אמונה, שלום, בטחון און שמחה – אשב״ש, און הארעווען אויף ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם״. אדרבה, דאס וויל דער אייבערשטער. וויל מיר זאלן אויסשרייען ״אין עוד מלבדו״. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן אויסשרייען אין גלות דאס וואס אידישע קינדער האבן אויסגעשריגן אין מדבר און בשעת דער בית המקדש איז געשטאנען. דאס וועט אונז נאנט ברענגען צום אייבערשטן, דאס וועט אונז אנהאלטן אין גלות, און דאס וועט ברענגען די גאולה קרובה בעזרת השם.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, האט א פרייליכן, לעכטיגן, לוסטיגן און גליקליכן שבת; א פרייליכן שבת, א מזמור לתודה׳דיגן שבת. פועל׳ט אלעס גוטס, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**